בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פון חִיזּוּק, אֱמוּנָה און
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר (באר"י נָשֹׂא)

257

תשפ"ב

היכל הקודש

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**718.384.1652**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 51**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב הבעל שם טוב 7**
**052.760.5715**

נדפס ע"י
**קרן הדפסה**
**היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

מֶעגְן עֶלְטֶערְן זָאגְן פַאר חֲתוּנָה גֶעהַאטֶע קִינְדֶער וָואס צוּ טוּן?.........................א

וָואס קֶען אִיךְ טוּן צוּ פַארְשְׁטֵיין דִי גְמָרָא? .........................ב

וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זַיין אַ גוּטֶע מַאמֶע?.........................ג

וָואס אִיךְ קֶען טוּן וֶועגְן פְּחָדִים?.........................ה

וַוייל אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין גֶעלְט, מוּז אִיךְ נֶעמֶען פָּשׁוּט'ע אֵיידֶעמֶער? .........................ו

זָאל אִיךְ לָאזְן מַיין זוּן שְׁפִּילְן בַּיי זַיין חַבֶר'ס הוֹיז?.........................ח

וֶוען אִיז בֶּעסֶער צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִינְדֶערְפְרִי אָדֶער בַּיינַאכְט?.........................ט

אַז אִיךְ שְׁטֵיי נִישְׁט אוֹיף בַּיי חֲצוֹת, פַארְוָואס זָאל מַיין וַוייבּ זִיךְ שֶׁערְן? .........................יא

וָואס קוּמְט מֶען זִיךְ צוּזַאם אוּם יוֹם שָׁבוּעוֹת בַּיי בְּרֶסְלֶבְ'עֶ חֲסִידִים? .........................יג

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

דִי גְרֶעסְטֶע צַדִיקִים ווילְן אַז זֵייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין נָאנְט צוּם רֶבִּי'ן .........................א

עֶס אִיז נִישְׁט גוּט פָּארְפֶּעלְקֶער זָאלְן עֶסְן אִינְאֵיינֶעם .........................ד

אוֹיפְאַרְבֶּעטְן דִי גִלְיוֹן אִין עֶנְגְלִישׁ .........................ד

דִי גֶעבּוּרְטְ'ס טָאג אִיז פַּארְ'ן מֶענְטְשׁ אַזוֹי וִוי רֹאשׁ הַשָּׁנָה .........................ה

גֵיי נִישְׁט שְׁלָאפְן פַאר'ן לֶערְנֶען דֶעם בְּלַאט גְמָרָא .........................ו

אִיךְ ווִיל דִיר מְחַזֵק זַיין זָאלְסְט אוֹיךְ אָנְהוֹיבְּן שַׁ"ס .........................ז

נִישְׁט צִינְדְן קַיין לֶעכְט אִין שְׁטוּבּ .........................ח

גֵיין אִין קָאנְטְרִי נָאר מִיט אַ גוּטֶע סְבִיבָה .........................ח

מַזָל טוֹב צוּ דַיין חֲתוּנָה .........................ט

דַיין גַאנְצֶע פְּרָאבְּלֶעם אִיז אַז דוּ בִּיסְט נִישְׁט פְרֵיילִיךְ .........................י'

אַ רֵיינֶע הַארְץ, אַ רֵיינֶע מֹחַ, אִיךְ זָאל נָאר לִיבּ הָאבְּן דִי תּוֹרָה וֶועג .........................יא

אָנְגֶעצוֹיגְנְקֵייט בַּיי דִי אַרְבֶּעט, אִיז נִישְׁט קַיין תֵּירוּץ צוּ שְׁרֵייעֶן אוֹיף דִי וַוייבּ .........................יב

יִישַׁר כֹּחַ פַאר'ן הֶעלְפְן אַרִיבֶּערְצִיעֶן דֶעם קֶרֶן הַדְפָּסָה צוּם נֵייעֶם בִּנְיָן .........................יג

זָאלְסְט זִיךְ אָנְגַאַרְטְלֶען לְכָבוֹד לַ"ג בָּעֹמֶר עוֹסֵק זַיין צוּ פַאַרְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם נַ'חַל נ'וֹבֵעַ מְ'קוֹר חָ'כְמָה .......... יד

רֶעדְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, רֶעדְט פוּן רֶבִּינְ'ס גְרוֹיסְקֵייט .......... טז

וַוארְפְט אַוֶועק דִי נִישְׁט גוּטֶע טֶעלֶעפָאן .......... טז

מֶען וֶוערְט שׁוֹין גֶערֵיינִיגְט פוּן נָאר וֶועלְן לֶערְנֶען זוֹהַר .......... יז

דֶער וָואס רֶעדְט דִיךְ צוּ זִיךְ אָפְּצוּטֵיילְן, קֶען דָאס אַלֵיינְס מְקַיֵּים זַיין .......... יח

מִיט תְּפִלָּה בַּאקוּמְט מֶען שֵׂכֶל וִוי אַזוֹי צוּ הַאנְדְלֶען אִין שְׁטוּב .......... יט

זַיי זִיךְ מְקַשֵּׁר מִיט רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי וואוּ דוּ בִּיסְט .......... כ

דִי תְּפִלָּה בַּיים צִיּוּן פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי אַז דִי תּוֹרָה זָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן וֶוערְן .......... כא

אַ קְלֵיינְטְשִׁיגֶע תּוֹרָה, וָואס מַאכְט דֶעם מֶענְטְשׁ פַאר אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק .......... ל

עֶס לוֹינְט צוּ קוּמֶען לַ"ג בָּעֹמֶר צוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי .......... לב

אַז מֶען אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד קוּמְט אַרוֹיס דָאס שְׁלֶעכְטְס אוּן מֶען וֶוערְט רֵיין .......... לב

אַלֶעס גֵייט אַרוֹיף, דִי כּוֹלֵל גֶעלְט דַארְף אוֹיךְ אַרוֹיפְגֵיין .......... לה

לֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת פַאר עֶנְקֶער נְשָׁמָה .......... לו

וואוּ אִיז דִי פְרֵיילִיכְסְטֶע פְּלַאץ? דָא! .......... לו

מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלְס שׁוּתָּף, וֶועסְטוּ זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין .......... לח

אַז מֶען אִיז מְקָרֵב אִידְן, בַּאקוּמְט מֶען שְׂכַר אוֹיף אַלֶע זֵייעֶרֶע גוּטֶע מַעֲשִׂים .......... לח

קִינְדֶער אִיז אַ בְּרָכָה, עֶס אִיז בִּכְלָל נִישְׁט יָאנְטְשִׁי .......... לט

לָאזְט אַייךְ אָפּ פוּן דִי פַארְדָארְבֶּענֶע כַּלָּה .......... מ

קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט דִי צַעַר וָואס בָּחוּרִים גֵייעֶן אַרִיבֶּער .......... מא

מִיר נֶעמֶען נִישְׁט קֵיין גֶעלְט פוּן דִי עֵרֶב רַב .......... מא

דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל גֶעעֶנְדִיגְט תְּהִלִּים אִיז דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ .......... מב

דֶער סֵדֶר וִוי אַזוֹי צוּ לֶערְנֶען מִיט כִּתָּה א' .......... מג

וואוֹיל אִיז דֶער וָואס זָאגְט פַאר זַיין וַוייבּ צוּ גֵיין אָנְגֶעטוּן שֵׁיין אוּן אֵיידְל .......... מד

מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ פָארְן לוֹיט דִי גֶעזֶעץ .......... מה

אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי קִינְדֶער אִין דִי צַייט פוּן שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת .......... מה

וָואס מֶען דַארְף פָאלְגְן דֶעם דָאקְטֶער .......... מו

הֶער נִיגוּנִים פוּן זִינְגֶערְס וָואס זִינְגֶען פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן .......... מז

וָואס מֵיינְט זִיךְ פְּלָאגְן אִין לֶערְנֶען? .......... מז

שְׁטֶעק אַרַיין דַיין קָאפּ צְווִישְׁן תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב .......... מט

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

**מֶעגְן עֶלְטֶערְן זָאגְן פַאר חֲתוּנָה גֶעהַאטֶע קִינְדֶער וָואס צוּ טוּן?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַלְס עֶלְטֶערְן פוּן חֲתוּנָה גֶעהַאטֶע קִינְדֶער, טְרֶעפְן מִיר זִיךְ צוּמָאל אִין מַצָּבִים וָואס מִיר זֶענֶען אִין אַ פַּארְלֶעגְנְהֵייט אוֹיב מִיר זָאלְן זֵיי זָאגְן עֶפֶּעס וֶוען מִיר זֶעעֶן בַּיי זֵיי זַאכְן וָואס זֶענֶען נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן, סְפֶּעצִיעֶל אִין אוּנְזֶער שְׁוֶוערֶע דוֹר וָואס אִיז פוּל מִיט אַזוֹי סַאךְ שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת.

מִיר וֵוייסְן אַז עֶלְטֶערְן דַארְפְן זִיךְ נִישְׁט אַרַיינְמִישְׁן אִין דָאס לֶעבְּן פוּן דִי חֲתוּנָה גֶעהַאטֶע קִינְדֶער, מֶען דַארְף זֵיי לָאזְן לֶעבְּן זֵייעֶר אֵייגֶענֶע לֶעבְּן, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אוֹיב זֶעט מֶען נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן, סְפֶּעצִיעֶל אִין רוּחָנִיּוּת, זַאכְן וָואס קֶען זַיין מַמָּשׁ אַ סַכָּנָה, דַארְף מֶען נָאכְאַלְץ בְּלַייבְּן שְׁטִיל, גָארְנִישְׁט זָאגְן, אוּן זִיךְ נִישְׁט אַרַיינְמִישְׁן? אָדֶער אִיז יָא דָא פֶּעלֶער וָואס מִיר קֶענֶען זֵיי אוֹיפְמֶערְקְן אוּן זָאגְן וָואס צוּ טוּן, אַלְס עֶלְטֶערְן?

וָואס זֶענֶען דִי כְּלָלִים, וָואס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג זִיךְ פִירְן, אִין דֶעם פַארְפְּלָאנְטֶערְטֶע נוֹשֵׂא?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בְּחוּקוֹתַי, כ״ד אִיָּר, ל״ט לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ב**

**לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶלְטֶערְן מֶעגְן זָאגְן און עֶלְטֶערְן דַארְפְן זָאגְן, אָבֶּער עֶס וֶוענְדְט זִיךְ וִוי אַזוֹי מֶען זָאגְט דָאס; אַז מֶען זָאגְט דָאס שֵׁיינֶערְהֵייט, מִיט לִיבְּשַׁאפְט – דֶעמָאלְט אִיז גוּט צוּ זָאגְן, אָבֶּער אַז מֶען זָאגְט דָאס נִישְׁט אוֹיף אַ גוּטֶע וֶועג, דֶעמָאלְט זָאגְן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (יְבָמוֹת סה:): "כְּשֵׁם שֶׁמִּצְוָה עַל אָדָם לוֹמַר דָּבָר הַנִּשְׁמָע, כַּךְ מִצְוָה עַל אָדָם שֶׁלֹּא לוֹמַר דָּבָר שֶׁאֵינוֹ נִשְׁמָע", אַזוֹי וִוי עֶס אִיז אַ מִצְוָה צוּ זָאגְן אַ זַאךְ וָואס מֶען וֶועט אוֹיסְהֶערְן און אָנְנֶעמֶען – אַזוֹי אִיז אַ מִצְוָה מֶען זָאל נִישְׁט זָאגְן אַ זַאךְ וָואס מֶען וֶועט נִישְׁט אָנְנֶעמֶען.

מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל הָאבְּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, און מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל אַלֶע זָאלְן תְּשׁוּבָה טוּן, אַלֶע זָאלְן זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַמָאל קֶען מֶען שְׁטִילֶערְהֵייט רֶעדְן צוּם דַיְין אָדֶער מוֹרֶה דֶרֶךְ פוּן דִי קִינְדֶער, וֶוען מֶען וֵוייסְט אַז זֵיי וֶועלְן מֶער אָנְנֶעמֶען פוּן זֵיי וִוי פוּן דִי עֶלְטֶערְן.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט וִויסְן וִוי אַזוֹי צוּ רֶעדְן צוּ זֵיי און וָואס צוּ רֶעדְן צוּ זֵיי; מִיט תְּפִלָּה וֶועסְטוּ וִויסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וָואס קֶען אִיךְ טוּן צוּ פַארְשְׁטֵיין דִי גְמָרָא?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ אִינְגְל פוּן נַיין יָאר, אִיךְ וואוֹין אִין טְבֶרְיָ', אִיךְ לֶערְן אִין חֵדֶר גְמָרָא, אָבֶּער אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט גוּט דִי גְמָרָא; וָואס זָאל אִיךְ טוּן?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר דִי שִׁיעוּרִים און דִי עֵצוֹת.

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בְּחוּקוֹתַי, כ"ה אִיָּר, מ' לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב**

**לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, טְבֶרְיָ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַז דוּ פַּארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט דִי גְמָרָא וָואס מֶען לֶערְנְט אִין חֵדֶר - זָאלְסְטוּ טוּן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעטוּן. דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי אַלְט וִוי דִיר, אַ קִינְד פוּן נַיין יָאר, עֶר הָאט גֶעוָואלְט פַּארְשְׁטֵיין לֶערְנֶען, עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים אוּן אִים הֶעלְפְן עֶר זָאל פַּארְשְׁטֵיין לֶערְנֶען, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעהָאלְפְן, דִי קָאפּ הָאט זִיךְ גֶעעֶפֶנְט אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן פַּארְשְׁטֵיין לֶערְנֶען.

דוּ וואוֹינְסְט אִין טְבֶרְיָ', זָאלְסְטוּ זִיךְ אַרִיבֶּערְכַאפְּן צוּ דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים. גֵיי צוּ קֵבֶר רֶבִּי מֵאִיר בַּעַל הַנֵּס (פַּארְשְׁטֵייט זִיךְ מִיט רְשׁוּת פוּן דַיינֶע עֶלְטֶערְן) אוּן צוּ קֵבֶר רֶבִּי עֲקִיבָא, קֵבֶר רַמְבַּ"ם אוּן קֵבֶר שְׁלָ"ה הַקָּדוֹשׁ; זַיי זִיךְ דָארְט מִתְבּוֹדֵד, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר, דוּ זָאלְסְט פַּארְשְׁטֵיין לֶערְנֶען אוּן לִיבּ הָאבְּן לֶערְנֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ זַיין אַ גוּטֶע מַאמֶע?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר פַאר אַלֶע דְרָשׁוֹת אוּן חִיזוּק וָואס מִיר בַּאקוּמֶען פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אִיךְ וֵויס אַז אִיךְ מִיט מַיין מַאן וָואלְטְן קֵיינְמָאל נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּ וואוּ מִיר הַאלְטְן יֶעצְט, וֶוען נִישְׁט דִי גֶעוַואלְדִיגֶע דְרָשׁוֹת פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א.

עֶס אִיז דָא אֵיין זַאךְ וָואס גֵייט מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער, דָאס אִיז צוּ מְחַנֵךְ דִי קִינְדֶער. אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם לִיכְטִיגֶע קְלוּגֶע גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער, אָבֶּער אִיךְ פִּיל זֵייעֶר שְׁלֶעכְט פַאר זֵיי,

וַוייל אִיךְ אוּן מַיין מַאן שְׁרַייעֶן אַסַאךְ אוֹיף זֵיי, אוּן צוּמָאל גֶעבְּן מִיר זֵיי אוֹיךְ פֶּעטְשׁ. מַיינֶע קִינְדֶער פָאלְגְן נִישְׁט! זֵיי פָאלְגְן נִישְׁט מִיר אוּן נִישְׁט מַיין מַאן! זֵיי קְרִיגְן זִיךְ, פַארְגִינֶען נִישְׁט, אוּן הַרְגְ'עֶנֶען זִיךְ אַ גַאנְצְן טָאג.

וִויפִיל אִיךְ פְּרוּבִיר צוּ זַיין אַ גוּטֶע מַאמֶע, קֶען אִיךְ אָבֶער נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן, אוּן בַּיים סוֹף שְׁרֵיי אִיךְ אוֹיף זֵיי, אוּן אִיךְ פִּיר זִיךְ נִישְׁט צוּ דִי קִינְדֶער וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי, אוּן אִיךְ וָואלְט זֵייעֶר גֶעוָואלְט גֵיין צוּ "חִינוּךְ קְלַאסְן", זִיךְ אוֹיסְצוּלֶערְנֶען וִוי אַזוֹי מֶען אִיז מְחַנֵךְ קִינְדֶער, אָבֶער מַיין מַאן וִויל נִישְׁט אִיךְ זָאל גֵיין, וַוייל דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה רֶעדְט קֶעגְן דֶעם.

אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה מִיר הֶעלְפְן אוּן מִיר גֶעבְּן דֶעם רִיכְטִיגְן וֶועג אִין חִינוּךְ, אַז אִיךְ אוּן מַיין מַאן זָאלְן קֶענֶען זַיין בֶּעסֶערֶע עֶלְטֶערְן, נִישְׁט שְׁרֵייעֶן אוּן שְׁלָאגְן דִי קִינְדֶער וֶוען זֵיי רֶעגְן אוּנְז אוֹיף מִיט זֵייעֶר אוֹיפְפִירוּנְג?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ה' פַּרְשַׁת בְּחוּקוֹתַי, כ"ו אִיָר, מ"א לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק**

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַייעֶר מַאן אִיז גֶערֶעכְט, אִיר וֶועט גָארְנִישְׁט בַּאקוּמֶען בַּיי דִי פְּלֶעצֶער.

שְׁרֵייעֶן אוֹיף קִינְדֶער אִיז נִישְׁט קַיין עֵצָה, אוּן שְׁלָאגְן אִיז זִיכֶער נִישְׁט קַיין עֵצָה. שְׁלָאגְן הֶעלְפְט נִישְׁט; שְׁלָאגְן אִיז אַ וֶועג זִיךְ אוֹיסְצוּגֶעבְּן דִי נֶערְוֶוען. שְׁרֵייעֶן אִיז אַ פוּלֶע וֶועג, סַבְלָנוּת אִיז דִי וֶועג; מִיט קִינְדֶער דַארְף מֶען הָאבְּן אַייזֶערְנֶע נֶערְוֶוען, נָאכְאַמָאל זָאגְן אוּן נָאכְאַמָאל זָאגְן, נִישְׁט וֶוערְן אוֹיפְגֶערֶעגְט וֶוען מֶען פָאלְגְט נִישְׁט.

חִינוּךְ הַבָּנִים וְהַבָּנוֹת אִיז אַ שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט, אָבֶער עֶס לוֹינְט זִיךְ דִי אַרְבֶּעט, עֶס לוֹינְט צוּ הָאבְּן סַבְלָנוּת פַאר קִינְדֶער; בַּיים סוֹף שְׁנַיידְט מֶען שֵׁיינֶע פֵּירוֹת.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט הָאבְּן גֶעדוּלְד, נִישְׁט וֶוערְן פַארְלוֹירְן וֶוען דִי קִינְדֶער פָאלְגְן נִישְׁט. בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט ווִיסְן וִוי אַזוֹי

צוּ רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער, וִוי אַזוֹי מֶען מַאכְט אַז קִינְדֶער זָאלְן פָּאלְגְן - אַזוֹי וֶועט אִיר מַצְלִיחַ זַיין מִיט זֵיי. אִיר וֶועט נִישְׁט דַארְפְן שְׁרֵייעֶן אוּן שְׁלָאגְן, וַוייל דַאוֶוענֶען אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז דִי סוֹד פוּן הַצְלָחָה, נִישְׁטָא קַיין אַנְדֶערֶע עֵצָה נִישְׁטָא קַיין אַנְדֶערֶע טְרִיק מִיט קִינְדֶער - נָאר בֶּעטְן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיר וֵוייסְט דִי מַעֲשֶׂה וָואס מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט, אַמָאל אִיז אַ אִיד גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן חָפֵץ חַיִּים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן גֶעבֶּעטְן אַ בְּרָכָה אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער, הָאט זִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער חָפֵץ חַיִּים אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט פוּן זַיין פְּלַאץ אוּן אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן סְפָרִים שַׁאנְק אַן אַלְטֶע תְּהִלִּים וָואס אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְגֶעבְּלָאזְן פוּן נַאסְקֵייט, עֶר הָאט דָאס גֶעוִויזְן פַאר דֶעם אִיד אוּן אִים גֶעזָאגְט: "זֶעסְט? דָאס אִיז דִי תְּהִלִּים פוּן מַיין מַאמֶע עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם, וואוּ זִי פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג וֵויינֶען אַז זִי זָאל הָאבְן גוּטֶע קִינְדֶער, אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ גוּטֶע קִינְדֶער".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**וָואס אִיךְ קֶען טוּן וֶועגְן פְּחָדִים?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שֵׁיינֶע שִׁיעוּרִים, עֶס גֶעבְּט כֹּחַ אוּן מֹחַ. אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וָואס אִיךְ קֶען טוּן וֶועגְן פְּחָדִים? עֶס אִיז נִישְׁט אַ נֵייעֶ זַאךְ בַּיי מִיר, אָבֶּער לֶעצְטְנְס אִיז עֶס גֶעוָוארְן אַסַאךְ שְׁטֶערְקֶער, אִיךְ לַייד גָאר שְׁטַארְק פוּן דִי אַלֶע פְּחָדִים, עֶס רֶעדְט זִיךְ פוּן מַמָּשׁ פְּשׁוּט'עֶ זַאכְן וָואס גֶעוֶוענְלִיכֶע מֶענְטְשְׁן טְרַאכְטְן אֲפִילוּ נִישְׁט צוּ מוֹרָא הָאבְן פוּן דֶעם; וָואס קֶען אִיךְ טוּן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ה' פַּרְשַׁת בְּחוּקוֹתַי, כ"ו אִיָּר, מ"א לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק

**לְכָבוֹד ...**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אַ סְגוּלָה צוּ מְבַטֵּל זַיין פְּחָדִים, צוּ טְרַאכְטְן פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת פַּחַד, סִימָן ד): "סְגֻלָּה לְבַטֵּל אֶת הַפַּחַד, לִזְכֹּר אַבְרָהָם אָבִינוּ", אַ סְגוּלָה אַוֶועק צוּ נֶעמֶען שְׁרֶעק - דוּרְךְ טְרַאכְטְן פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ, אַז מֶען טְרַאכְט פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ גֵייעֶן אַוֶועק אַלֶע שְׁרֶעק.

עֶס אִיז דָא נָאךְ אַסַאךְ סְגוּלוֹת צוּ מְבַטֵּל זַיין פְּחָדִים. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם, סִימָן ה): "בִּצְדָקָה תְּבַטֵּל אֶת הַפַּחַד", מִיט צְדָקָה קֶען מֶען אַוֶועקְנֶעמֶען שְׁרֶעק; "מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ פְּחָדִים, יְזַמֵּר זֶמֶר שֶׁל שִׂמְחָה", וֶוער עֶס הָאט שְׁרֶעק זָאל זִינְגֶען פְרֵיילִיכֶע לִידֶער (שָׁם, סִימָן יא).

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַלֶע שְׁרֶעק זָאל אַוֶועקְגֵיין.

...

## ווַייל אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין גֶעלְט, מוּז אִיךְ נֶעמֶען פָּשׁוּט'ע אֵיידֶעמֶער?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הַאלְט שׁוֹין בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִינְמִיטְן חֲתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער, אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם פַּרְנָסָה צוּ לֶעבְּן בְּהַרְחָבָה, וֶוען עֶס קוּמְט אָבֶּער צוּ חֲתוּנָה מַאכְן אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער אוּן אִיךְ שְׁטוּפּ קוֹים אַדוּרְךְ דִי הוֹצָאוֹת.

עֶס טוּט מִיר אָבֶּער וֵויי אַן אַנְדֶערֶע זַאךְ, אִיךְ הָאבּ אַן עֶלְטֶערֶער בְּרוּדֶער, אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר, אוּן אַלֶע שִׁידוּכִים וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן הָאט עֶר בַּאצָאלְט אַסַאךְ גֶעלְט צוּ בַּאקוּמֶען דִי בֶּעסְטֶע שִׁידוּכִים, תַּלְמִידֵי חֲכָמִים פוּן דִי חָשׁוּבְ'סְטֶע מִשְׁפָּחוֹת, אוּן אוֹיךְ בַּאצָאלְט עֶר פַאר זַיינֶע אֵיידֶעמֶער צוּ בְּלַייבְּן זִיצְן אוּן לֶערְנֶען, אוּן וֶוען אִיךְ זֶע ווִי עֶר הָאט אַזֶעלְכֶע

חָשׁוּבֶ'עֶ אֵיידֶעמֶער אִין אִיךְ הָאבּ גֶעדַארְפְט טוּן זֵייעֶר פָּשׁוּטֶ'עֶ שִׁידוּכִים וַוייל אִיךְ הָאבּ נִישְׁט דִי גֶעלְט צוּ בַּאצָאלְן פַּאר טֵייעֶרֶע שַׁדְכָנִים אוּן פַּאר אֵיידֶעמֶער צוּ זִיצְן אוּן לֶערְנֶען - טוּט עֶס מִיר זֵייעֶר וֵויי.

הֲגַם גֶעוֶועינְלִיךְ בִּין אִיךְ נִישְׁט אַ מֶענְטְשׁ וָואס קוּקְט אוֹיף אַנְדֶערֶע אוּן אִיךְ בִּין צוּפְרִידְן מִיט וָואס אִיךְ הָאבּ, אָבֶער מִיט דֶעם קֶען אִיךְ זִיךְ נִישְׁט קַיין עֵצָה גֶעבְּן אוּן אִיךְ טְרַאכְט גַאנְצֶע נֶעכְט פוּן דֶעם. אִיךְ ווִיל בֶּעטְן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה קֶען מִיךְ אוֹיסְקְלָארְן אוּן מְחַזֵּק זַיין.

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ה' פַּרְשַׁת בְּחוּקוֹתַי, כ"ו אִיָּר, מ"א לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן פַּארְקֶערְט, (נְדָרִים פא.): "הִזָּהֲרוּ בִּבְנֵי עֲנִיִּים", גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף קִינְדֶער פוּן אָרֶעמֶעלַייט, "שֶׁמֵּהֶן תֵּצֵא תּוֹרָה", וַוייל פוּן זֵיי קוּמְט אַרוֹיס תּוֹרָה, וַוייל זֵיי הַאלְטְן זִיךְ קְלֵיין, תּוֹרָה הַאלְט זִיךְ נָאר אִין אַ נִידְרִיגֶע פְּלַאץ.

אַזוֹי אוֹיךְ זָאגְן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (תַּעֲנִית ז.): "לָמָּה נִמְשְׁלוּ דִּבְרֵי תּוֹרָה לְמַיִם", פַאְרוָואס אִיז דִי תּוֹרָה צוּגֶעגְלִיכְן צוּ וַואסֶער? עֶס שְׁטֵייט (יְשַׁעְיָה נה, א): "הוֹי כָּל צָמֵא לְכוּ לַמַּיִם", "לוֹמַר לְךָ", אוּנְז צוּ לֶערְנֶען, "מַה מַּיִם מַנִּיחִין מָקוֹם גָּבוֹהַּ וְהוֹלְכִין לְמָקוֹם נָמוּךְ", אַזוֹי וִוי וַואסֶער וֶועט אַוֶועק רִינֶען פוּן אַ הוֹיכֶע פְּלַאץ, עֶס רִינְט בִּיז דִי נִידְרִיגֶע פְּלַאץ, "אַף דִּבְרֵי תּוֹרָה אֵין מִתְקַיְּימִין אֶלָּא בְּמִי שֶׁדַּעְתּוֹ שְׁפֵלָה", אַזוֹי אוֹיךְ הַאלְט זִיךְ נִישְׁט קַיין תּוֹרָה בַּיי בַּעֲלֵי גַּאֲוָה, נָאר בַּיי קְלֵיינֶע לַייט.

אַז דוּ ווִילְסְט הָאבְּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, קִינְדֶער וָואס לֶערְנֶען, קִינְדֶער וָואס דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - זָאלְסְטוּ מְכַבֵּד זַיין תַּלְמִידֵי חֲכָמִים אוּן לִיבּ הָאבְּן תַּלְמִידֵי חֲכָמִים.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת כג:): "דְּרָחִים רַבָּנָן", דֶער וָואס הָאט

לִיב תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, "הָוֵי לֵהּ בְּנִין רַבָּנָן", וֶועלְן זַיינֶע קִינְדֶער זַיין תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, "דְּמוֹקִיר רַבָּנָן", אוּן דֶער וָואס אִיז מְכַבֵּד תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, "הָוֵי לֵהּ חַתְנוּתָא רַבָּנָן", וֶועלְן זַיינֶע אֵיידֶעמֶער זַיין תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, "דְּדָחִיל מֵרַבָּנָן", אוּן דֶער וָואס הָאט הַכְנָעָה פַאר תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, "הוּא גּוּפֵיהּ הָוֵי צוּרְבָא מֵרַבָּנָן", וֶועט עֶר אַלֵיינְס וֶוערְן אַ תַּלְמִיד חָכָם, "וְאִי לָאו בַּר הָכֵי הוּא, מִשְׁתַּמְעָן מִילֵּיהּ כְּצוּרְבָא מֵרַבָּנָן", אוּן אֲפִילוּ עֶר אִיז נִישְׁט קַיין גְרוֹיסֶער פַּארְשְׁטֵייעֶר וֶועט מֶען אָנְנֶעמֶען זַיינֶע וֶוערְטֶער אַזוֹי וִוי מֶען הֶערְט אוֹיס דִי וֶוערְטֶער פוּן תַּלְמִידֵי חֲכָמִים.

קִינְדֶער ווילְן טוּן אוּן וֶועלְן טוּן וָואס אִיז חָשׁוּב בַּיי זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן; אַז דִי עֶלְטֶערְן טְרַאכְטְן טָאג אוּן נַאכְט פוּן גֶעלְט - וֶועלְן דִי קִינְדֶער נָאכְגֵיין נָאךְ גֶעלְט, זֵיי וֶועלְן נִישְׁט לֶערְנֶען אוּן נִישְׁט דַאוֶוענֶען, זֵיי וֶועלְן עוֹסֵק זַיין נָאר אִין גֶעלְט, ווידֶער קִינְדֶער וָואס זֶעעֶן דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן לִיבּ עֶרְלִיכֶע אִידְן, זֵיי רֶעדְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ פוּן עֶרְלִיכֶע אִידְן, זֵיי זֶענֶען מְכַבֵּד עֶרְלִיכֶע אִידְן - וֶועלְן זֵיי וֶוערְן עֶרְלִיכֶע אִידְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### זָאל אִיךְ לָאזְן מַיין זוּן שְׁפִּילְן בַּיי זַיין חַבֶר'ס הוֹיז?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיין זוּן אִיז פִיר אוּן אַ הַאלְבּ יָאר, אוּן עֶר וִויל גֵיין נָאכְמִיטָאג צוּ זַיין חַבֶר'ס הוֹיז זִיךְ שְׁפִּילְן דָארְט. אִיךְ קֶען דִי מִשְׁפָּחָה, זֵיי זֶענֶען אַ חֲסִידִי'שֶׁע מִשְׁפָּחָה מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, זָאל אִיךְ אִים לָאזְן אַהִינְגֵיין שְׁפִּילְן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - ה׳ פַּרְשַׁת בְּחוּקוֹתַי, כ״ו אִיָּר, מ״א לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**עֶנְדֶערְשׁ זָאל דַיין קִינְד רוּפְן חֲבֵרִים צוּ דִיר אִין שְׁטוּבּ שְׁפִּילְן.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

...

**וֶוען אִיז בֶּעסֶער צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִינְדֶערְפְרִי אָדֶער בַּיינַאכְט?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן פַארְוָואס אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּפְרִי, בַּיינַאכְט אִיז מִיר גְרִינְגֶער צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אִיךְ הָאבּ אֵייבִּיג גֶעהַאט אַז בַּיינַאכְט אִיז מִיר גְרִינְגֶער אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען מַיינֶע תְּפִלּוֹת, אָבֶּער לֶעצְטְנְס טְרֶעף אִיךְ זִיךְ צוּפְרִי מַמָּשׁ אִיבֶּערְזָאגְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל דִי זֶעלְבֶּע תְּפִלָּה, אִיךְ קֶען פָּשׁוּט נִישְׁט טְרַאכְטְן פוּן אַן אַנְדֶערֶע זַאךְ צוּ רֶעדְן אָדֶער בֶּעטְן.

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ יִשְׂמַח מֹשֶׁה (פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי עַל הַפָּסוּק כִּי עֲנַן ה׳), שְׁטֵייט דָארְט: "וְהִנֵּה הַדֶּרֶךְ לְהִתְבּוֹדֵד עִם קוֹנוֹ הוּא מְסוּגָּל יוֹתֵר בַּלַּיְלָה", הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט אַז אֶפְשָׁר הָאט שׁוֹין דֶער הֵיילִיגֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה מַרְגִּישׁ גֶעוֶוען אַז בַּיינַאכְט רֶעדְט זִיךְ בֶּעסֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ הֶער אָבֶּער אֵייבִּיג בַּיים שִׁיעוּר וִוי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאגְט אַז דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אִינְדֶערְפְרִי זָאל מֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אֶפְשָׁר קֶען מִיר דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוֹיסְקְלָארְן דֶעם גַאנְצְן עִנְיָן, וֶוען אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צַייט צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן אַסַאךְ הַצְלָחָה.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת בְּחוּקוֹתַי, מְבָרְכִים הַחוֹדֶשׁ, כ״ו אִיָּיר, מ״א לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זָאלְסְט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי עֶס שַׁיינְט דִיר; אַז דִיר אִיז גְרִינְגֶער צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיינַאכְט - זָאלְסְטוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיינַאכְט, זַיי זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל פוּן גָארְנִישְׁט. מוֹהֲרַא״שׁ זָאגְט, דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן אַן אוֹיסְגֶעדְרֵייטֶע סֵדֶר, זַיי זֶענֶען אוֹיף בַּיינַאכְט - זָאלְן לֶערְנֶען בַּיינַאכְט, זִיךְ נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן אַז מֶען קֶען נִישְׁט אוֹיפְשְׁטֵיין בַּאצַייטְנְס; יֶעדֶער זָאל דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן לוֹיט זַיין סֵדֶר, וִוי אַזוֹי עֶס אַרְבֶּעט מִיט אִים.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד ר׳ בֶּער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פוּן מֶעדְוֶועדִיווְקֶע, עֶר פְלֶעגְט זִיךְ זֵייעֶר מוּטְשֶׁען אוֹיפְצוּשְׁטֵיין חֲצוֹת; יֶעדֶע נַאכְט אִיז עֶר גֶעבְּלִיבְּן שְׁלָאפְן - מִיט אַנְדֶערֶע תֵּירוּצִים, אָבֶּער עֶס פְלֶעגְט אִים זֵייעֶר וֵויי טוּן אַז עֶר פַארְשְׁלָאפְט זַיינֶע טֶעג אוּן יָארְן. אִיז עֶר אוֹיפְגֶעקוּמֶען מִיט אַ פְּלַאן, עֶר הָאט גֶעדִינְגֶען אַ גוֹי זָאל אִים קוּמֶען אוֹיפְוֶועקְן יֶעדֶע נַאכְט בַּיי חֲצוֹת, דֶער גוֹי פְלֶעגְט קוּמֶען צְוֶועלְף אַזֵייגֶער קְלַאפְּן אוֹיף זַיין פֶענְסְטֶער, עֶר הָאט גֶעקְלַאפְּט אוּן גֶעקְלַאפְּט בִּיז ר׳ בֶּער אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען, אָבֶּער אַזוֹי וִוי עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁוַואכֶער כַארַאקְטֶער, פְלֶעגְט עֶר נָאךְ זַיין זֵייעֶר מִיד, אוּן וֶוען דֶער גוֹי אִיז אִים גֶעקוּמֶען וֶועקְן, הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ ׳אִיךְ לֵייג זִיךְ צוּרִיק נָאר פַאר אַפָּאר מִינוּט׳, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז עֶר אִיז גֶעבְּלִיבְּן שְׁלָאפְן בִּיזְן טָאג אַרַיין.

אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען נַאכְט נָאךְ נַאכְט; וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶען אַז דִי עֵצָה הֶעלְפְט נִישְׁט אוּן עֶר פַארְשְׁלָאפְט יֶעדֶע נַאכְט, אִיז עֶר גֶעוָוארְן זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט אַ צְוֵוייטֶע עֵצָה - עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם גוֹי אַז עֶר זָאל נִישְׁט אַוֶועקְגֵיין פוּן דָארְט בִּיז עֶר קוּמְט אַרוֹיס, פוּן דֶעמָאלְט אוּן וַוייטֶער, וֶוען דֶער גוֹי אִיז גֶעקוּמֶען קְלַאפְּן אִים אוֹיפְצוּוֶועקְן אוּן ר׳ בֶּער הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז שׁוֹין אוֹיף אוּן עֶר קֶען שׁוֹין אַהֵיים גֵיין, הָאט אִים דֶער גוֹי

גֶעזָאגְט: "אִיךְ גֵיי נִישְׁט אַוֶועק בִּיז דוּ טוּסְט זִיךְ אָן דַיינֶע קְלֵיידֶער אוּן דוּ קוּמְסְט אַרוֹיס - אַזוֹי וִוי מִיר הָאבְּן אָפְּגֶעשְׁמוּעֶסְט". פְּלֶעגְט עֶר טַאקֶע אוֹיפְשְׁטֵיין, וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין אַנְדֶערֶע בְּרֵירָה, דֶער גוֹי אִיז נִישְׁט אַוֶועק פוּן דָארְט בִּיז וִוי לַאנְג עֶר אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען, אָבֶער עֶר פְּלֶעגְט הָאבְּן שְׁרֶעקְלִיכֶע קָאפּ וֵוייטָאג, בִּיז עֶר אִיז שִׁיעוּר מְשׁוּגָע גֶעוָוארְן.

וֶוען עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן הָאט עֶר זִיךְ אוֹיסְגֶעגָאסְן זַיין הַארְץ, עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט פַאר'ן רֶבִּי'ן אַז עֶר אִיז זֵייעֶר מִיד וְכוּ', הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "שְׁלָאף אוּן עֶס, נָאר הִיט דִי צַייט", שְׁפֶּעטֶער הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "דַיין חֲצוֹת וֶועט זַיין דְרֵיי אַזֵייגֶער".

זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט זַיין וֶועג אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם; אֵיינֶער דַארְף שְׁלָאפְן מֶער אוּן אֵיינֶער וֵוייניגֶער, אֵיינֶעם אִיז גְרִינְג בַּיינַאכְט זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, אַ צְוֵוייטֶער אִיז גְרִינְגֶער אִינְדֶערְפְרִי; דֶער עִיקָר אִיז דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַז אִיךְ שְׁטֵיי נִישְׁט אוֹיף בַּיי חֲצוֹת, פַארְוָואס זָאל מַיין וַוייבּ זִיךְ שֶׁערְן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וִויל זֵייעֶר בַּאדַאנְקֶען דֶעם ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַאר אַלֶע חִיזוּק וָואס בַּאקוּם כְּסֵדֶר פוּן דִי שִׁיעוּרִים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן וַוייטֶער אַסַאךְ כֹּחַ.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וִוי אַזוֹי אִיךְ בִּין מַסְבִּיר פַאר מַיין וַוייבּ פַארְוָואס זִי דַארְף זִיךְ שֶׁערְן דִי הָאר? אוֹיבּ וֶועל אִיךְ אִיר דָאס אוֹיפְוַוייזְן פוּנֶעם זוֹהַר, וֶועט זִי מִיר זָאגְן אַז אִיךְ זָאל קוֹדֶם אוֹיפְשְׁטֵיין חֲצוֹת, דָאס שְׁטֵייט אוֹיךְ אִין זוֹהַר. וָואס פַאר אַ פָּשׁוּט'עֶ הֶסְבֵּר קֶען אִיךְ אִיר זָאגְן אַז זִי זָאל זִיךְ וֶועלְן שֶׁערְן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת בְּחוּקוֹתַי, מְבָרְכִים הַחוֹדֶשׁ, כ״ו אִיָּר, מ״א לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מַאךְ נִישְׁט קַיין חוֹזֶק; וָואס הָאט אוֹיפְשְׁטֵיין חֲצוֹת מִיט גֵיין מִיט אֵייגֶענֶע הָאר?! דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ שֶׁעלְט נִישְׁט דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס לֶערְנְט נִישְׁט בַּיי חֲצוֹת, אָבֶער דֶער מֶענְטְשׁ וָואס הֵייסְט זַיין וַוייבּ זָאל זִיךְ שֵׁיין מַאכְן אִיר הָאר פַאר אִים - קוּק וָואס שְׁטֵייט (נָשֹׂא קכה:): "׳תּוּנְבָא לֵיתֵי׳, אַ קְלָלָה זָאל קוּמֶען, ׳עַל הַהוּא בַּר נָשׁ׳, אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ, ׳דְּשָׁבַק לְאִנְתְּתֵיהּ׳, וָואס לָאזְט זַיין וַוייבּ, ׳דְּתִתְחַזֵי מִשַּׂעֲרָא דְּרֵישָׁהּ לְבַר׳, אַז אִיר הָאר פוּן קָאפּ זָאל זִיךְ אַרוֹיסְזֶען. ׳וְדָא הוּא חַד מֵאִינוּן צְנִיעוּתָא דְּבֵיתָהּ׳, אוּן דָאס אִיז פוּן דִי יְסוֹדוֹת פוּן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ, אַז מֶען זָאל נִישְׁט זֶען דִי הָאר פוּן דִי פְרוֹי. ׳וְאִתְּתָא דְּאַפִּיקַת מִשַּׂעֲרָא דְּרֵישָׁהּ לְבַר׳, אוּן אַ פְרוֹי וָואס גֵייט מִיט אוֹיפְגֶעדֶעקְטֶע הָאר, ׳לְאִתְתַּקְנָא בֵּיהּ׳, זִיךְ שֵׁיין צוּ מַאכְן, ׳גָּרִים מִסְכְּנוּתָא לְבֵיתָא׳, אִיז זִי גוֹרֵם אַז עֶס זָאל זַיין אָרֶעמְקֵייט אִין שְׁטוּבּ, ׳וְגָרִים לִבְנָהָא דְּלָא יִתְחַשְּׁבוּן בְּדָרָא׳, אוּן זִי אִיז גוֹרֵם אַז אִירֶע קִינְדֶער וֶועלְן נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין אוּן זֵיי וֶועלְן נִישְׁט זַיין חָשׁוּב. ׳וְגָרִים מִלָּה אַחֲרָא דְּשַׁרְיָא בְּבֵיתָא׳, אַזוֹי אוֹיךְ אִיז זִי גוֹרֵם אַז דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם אוּן דִי נִישְׁט גוּטֶע זָאלְן זַיין אִין אִיר שְׁטוּבּ. ׳מַאן גָּרִים דָא?׳ וֶוער אִיז דָאס אַלֶעס גוֹרֵם? ׳הַהוּא שַׂעֲרָא דְּאִתְחֲזֵי מֵרֵישָׁהּ לְבַר׳, דִי פְרוֹי וָואס אִיר הָאר זֶעט זִיךְ אַרוֹיס, ׳וּמַה בְּבֵיתָא הַאי׳, אוּן אַז אִין שְׁטוּבּ אִיז אַזוֹי הַארְבּ מֶען זָאל זֶען דִי הָאר, ׳כָּל שֶׁכֵּן בְּשׁוּקָא׳, אִיז דָאךְ זִיכֶער אוֹיבּ מֶען זֶעט דִי הָאר וֶוען זִי גֵייט אִין גַאס - וֶועט זִיכֶער קוּמֶען דִי אַלֶע זַאכְן, ׳וְכָל שֶׁכֵּן חֲצִיפוּתָא אַחֲרָא׳, אוּן וֶוער רֶעדְט נָאךְ אַז דִי פְרוֹי פִירְט זִיךְ מִיט אַנְדֶערֶע פְּרִיצוּת - וֶועלְן קוּמֶען דִי שְׁוֶוערֶע זַאכְן אוֹיף אִיר אוּן אִיר שְׁטוּבּ. ׳וּבְגִין כָּךְ׳, דֶערִיבֶּער זָאגְט דִי תּוֹרָה, ׳אֶשְׁתְּךָ כְּגֶפֶן פּוֹרִיָּה בְּיַרְכְּתֵי בֵיתֶךָ׳, אַ פְרוֹי וָואס פִירְט זִיךְ אֵיידְל וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע בְּרָכוֹת".

ווּאוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז מְחַזֵק זַיין שְׁטוּבּ, דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער - זֵיי

זָאלְן זִיךְ אָפְּשֶׁערְן דִּי הָאר, גֵּיין אִין דִּי וֶועג וָואס דִּי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים הָאבְּן אוּנְז גֶעלֶערְנְט - וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע בְּרָכוֹת, עֶר וֶועט הָאבְּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער אוּן פַּרְנָסָה בְּרֶיוַוח.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וָואס קוּמְט מֶען זִיךְ צוּזַאם אוּם יוֹם שָׁבוּעוֹת בַּיי בְּרֶסְלֶבְ'עֶ חֲסִידִים?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

דֶער יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת אִיז אֵיינֶע פוּן דִּי צַייטְן וָואס מֶען מַאכְט אַ קִיבּוּץ אִין בְּרֶסְלֶב, מֶען קוּמְט זִיךְ צוּזַאם בְּרֶסְלֶבְ'עֶ חֲסִידִים, הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וָואס אִיז דִּי שַׁיְיכוּת צְווִישְׁן יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת אוּן חֲסִידוּת בְּרֶסְלֶב?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ט אִיָּר, מ"ד לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ אִים אִין דִּי דְרֵיי זְמַנִּים - רֹאשׁ הַשָּׁנָה, שַׁבָּת חֲנוּכָּה אוּן יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת - וֶועט גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּנֶעם עוֹנֶשׁ פוּן עוֹלָם הַתֹּהוּ.

עֶס אִיז דָא אִין דֶעם אַן אֲרִיכוּת הַדְּבָרִים (קוּק אַרֵיין אִין סֵפֶר פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק אוֹתִיּוֹת תתמג, תתמה אוּן תתמו). דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט, עֶס אִיז גֶעוֶועץ אַמָאל אַ רָב וָואס אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן אוּן זַיין נְשָׁמָה הָאט זִיךְ גֶעוַואלְגֶערְט אַכְט אוּן צְוָואנְצִיג יָאר אִין דִמְיוֹן, אִין עוֹלָם הַתֹּהוּ - הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ. נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט אוֹיף אַ גֶעוִויסֶער רָב, אַז עֶר הָאט שׁוֹין בַּאזוּכְט אוּן אַפָּאר בָּתֵּי

חַיִים, דָאס הֵייסְט עֶר אִיז שׁוֹין אַפָּאר מָאל מְגוּלְגָל גֶעוָוארְן, עֶר לִיגְט אִין עֶטְלִיכֶע בָּתֵּי חַיִים; אַ פַּחַד אַ שְׁרֶעק, וָואס וֶועלְן מִיר זָאגְן?! אַז דָאס פַּאסִירְט מִיט אַ רָב - וָואס וֶועט זַיין מִיט אוּנְז פָּשׁוּטְ׳עֶ מֶענְטְשְׁן?! אוֹיף דֶעם הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַז אוֹיב מֶען וֶועט קוּמֶען צוּ אִים דִי דְרֵיי זְמַנִים - וֶועלְן מִיר גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן דִי עוֹנְשִׁים.

מוֹהֲרָא״שׁ גֶעבְּט אוּנְז צוּ פַארְשְׁטֵיין דִי בַּאדֵייט פוּן דִי דְרֵיי צַייטְן. אַז מֶען קוּמְט צוּם רֶבִּי׳ן רֹאשׁ הַשָּׁנָה - וֶועקְט אוּנְז דֶער רֶבִּי אוֹיף פוּן אוּנְזֶער טִיפְן שְׁלָאף וְכוּ׳, יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת בַּאקוּמֶען מִיר אַ שְׁטוּפּ אוּן אַ פְּרִישְׁקֵייט צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז אַ וֶועג ווִי אַזוֹי מִיר קֶענֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען אוּן שְׁפַּאצִירְן בְּכָל חֶלְקֵי הַתּוֹרָה (כִּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן עו), אוּן שַׁבַּת חֲנוּכָּה בַּאקוּמֶען מִיר פוּן רֶבִּי׳ן דֶער זַאךְ פוּן תּוֹדָה וְהוֹדָאָה, לוֹיבְּן אוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶעס וָואס עֶר טוּט מִיט אוּנְז.

ווארויל אִיז דֶעם וָואס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן, עֶר פָּאלְגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, עֶר אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד יֶעדְן טָאג; עֶר רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר שְׁמוּעֶסְט מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר דֶערְצֵיילְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים, עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ זַיין עֶרְלִיךְ, צוּ זַיין אָפְּגֶעהִיטְן, אוּן עֶר גֵייט דַאוֶוענֶען דְרֵיי מָאל אַ טָאג אִין שׁוּל, שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב, אוּן עֶר לֶערְנְט שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן בְּכָל חֶלְקֵי הַתּוֹרָה; מִקְרָא, מִשְׁנָה, בַּבְלִי, יְרוּשַׁלְמִי, תּוֹסֶפְתָּא, אַלֶע מֶדְרָשִׁים, זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, רַמְבַּ״ם, טוּר, שֻׁלְחָן עָרוּךְ, סִפְרֵי הֲלָכָה, סִפְרֵי קַבָּלָה וְכוּ׳; דֶעמָאלְט וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען דִי טָאג וֶוען מֶען וֶועט צוּרִיקְגֶעבְּן דִי נְשָׁמָה צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶועט עֶר נִישְׁט הָאבְּן מִיט עוֹלָם הַתֹּהוּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

### די גְרֶעסְטֶע צַדִיקִים ווילְן אַז זֵייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין נָאנְט צוּם רֶבִּי׳ן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי ב׳, מְבָרְכִים הַחוֹדֶשׁ, כ״ח נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

דָא הָאסְטוּ אַ מַעֲשֶׂה פַאר די קִינְדֶער עֲצָתוֹ אֱמוּנָה:

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק רֶבִּי לֵייבּ פוּן טְרָאסְנִיץ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר אִיז גֶעפָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל מִיט אַ שִׁיף פוּל מִיט מֶענְטְשְׁן, אִינְמִיטְן יַם הָאט פַּאסִירְט אַ שְׁרֶעק פוּן אַ מַעֲשֶׂה, עֶס אִיז פְּלוּצְלוּנְג אָנְגֶעקוּמֶען אַ רִיזִיגֶע חַיָּ׳ פוּן אוּנְטֶער די וַואסֶער, די חַיָּ׳ הָאט אַרוֹיסְגֶעשְׁטֶעקְט די קָאפּ אוּן גֶעקוּמֶען נֶענְטֶער אוּן נֶענְטֶער צוּם שִׁיף, עֶס אִיז גֶעפַאלְן אַ פַּחַד אוֹיף אַלֶעמֶען, מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גֶעפַאלְן חַלָשׁוּת, מֶען הָאט גֶעשְׁרִיגְן אוּן גֶעוֵויינְט.

די חַיָּ׳ קוּמְט נֶענְטֶער אוּן נֶענְטֶער, בִּיז דֶער גְרוֹיסֶער צַדִיק רֶבִּי לֵייבּ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט זִיךְ שְׁנֶעל אָנְגֶעטוּן אַ טַלִית מִיט תְּפִילִין אוּן אַרוֹיס אוֹיף די דַאךְ פוּנֶעם שִׁיף, עֶר אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אוּן גֶעקוּקְט אוֹיף די חַיָּ׳, וֶוען די חַיָּ׳ הָאט גֶעזֶען די הֵיילִיגֶע פָּנִים פוּנֶעם צַדִיק אִיז זִי אַנְטְלָאפְן אִין די טִיפֶע וַואסֶער אוּן אַלֶע מֶענְטְשְׁן פוּנֶעם שִׁיף הָאבְּן זִיךְ בַּארוּאִיגְט.

קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ וֶועלְן מִיר וַוייטֶער דֶערְצֵיילְן די מַעֲשֶׂה וָואס אִיז גֶעשֶׁען נָאכְדֶעם אוֹיפְ׳ן שִׁיף מִיט דֶעם גְרוֹיסְן צַדִיק.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, וָואס לֶערְנֶען מִיר זִיךְ אַרוֹיס פוּן דִי מַעֲשֶׂה? צַדִיקִים הָאבְּן נִישְׁט מוֹרָא פוּן קֵיינֶעם, זֵיי וֵוייסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הִיט, אוּן אַז מֶען טוּט אָן דִי הֵיילִיגֶע טַלִית מִיט דִי הֵיילִיגֶע תְּפִילִין וֶוערְט מֶען גֶעוַראטֶעוֶועט פוּן שְׁלֶעכְטְס.

מַאךְ אַ בִּילְד פוּן אַ שִׁיף אִין וַואסֶער, מִיט אַ שְׁרֶעקֶעדִיגֶע חַיָ'; עֶס הָאט אַ קָאפּ מִיט צְוֵויי הֶענְט אוּן שְׁפִּיצִיגֶע צֵיינֶער, עֶס קוּמְט צוּם שִׁיף, מֶענְטְשְׁן אוֹיפְ'ן שִׁיף מִיט שְׁרֶעקֶעדִיגֶע פֶּנִים'ֶער, אַ צַדִיק מִיט טַלִית אוּן תְּפִילִין שְׁטֵייט אַנְטְקֶעגְן דִי חַיָ'.

דָא הָאסְטוּ נָאךְ אַ חֵלֶק פוּן דִי מַעֲשֶׂה; אִין דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע קוּנְטְרֵסִים זָאלְסְטוּ דָאס צֶעטֵיילְן, אָבֶּער שְׁפֶּעטֶער וֶוען דוּ וֶועסְט דָאס צַאמְגֶעמֶען קֶענְסְטוּ עֶס צַאמְשְׁטֶעלְן.

מַאךְ אַ בִּילְד וִוי מֶען זֶעט אַ קְלֵיינֶע שִׁיף פוּן דֶערְוַוייטְנְס, אַ פָּארְט וואוּ מֶענְטְשְׁן קוּקְן זִיךְ צוּ מִיט וואוּנְדֶער אוּן אַ בְּרֶעט שְׁווִימְט אוֹיפְ'ן וַואסֶער מִיט אַ נִפְטָר, מִיט אַ פֵייעֶר זוֹיל בִּיזְן הִימְל.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, פָּארִיגֶע מָאל הָאבְּן מִיר דֶערְצֵיילְט פוּן דֶעם גְרוֹיסְן צַדִיק רֶבִּי לֵייבּ טְרָאסְטִינֶעצֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וֶוען עֶר אִיז גֶעפָארְן קֵיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, דִי מַעֲשֶׂה מִיט דִי שְׁרֶעקֶעדִיגֶע חַיָ' וָואס אִיז גֶעקוּמֶען אַנְטְקֶעגְן דִי שִׁיף, דִי וָואךְ וֶועלְן מִיר דֶערְצֵיילְן וַוייטֶער:

דֶער צַדִיק רֶבִּי לֵייבּ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן אוֹיפְ'ן שִׁיף פָארְנְדִיג קֵיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, פַאר'ן נִפְטָר וֶוערְן הָאט דֶער צַדִיק גֶעזָאגְט: "וָואלְט מַיין אֵיידֶעם רֶבִּי יוּדְל גֶעוֶועזְן מִיט מִיר דָא אוֹיפְ'ן שִׁיף - וָואלְט עֶר זִיכֶער גֶעמַאכְט אִיךְ זָאל נִישְׁט נִפְטָר וֶוערְן דָא אוֹיפְ'ן שִׁיף".

קִינְדֶער, אִיר וֵוייסְט וֶוער רֶבִּי יוּדְל אִיז גֶעוֶוען? רֶבִּי יוּדְל אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, אַ תַּלְמִיד פוּן הֵיילִיגְן צַדִיק רֶבִּי פִּנְחָס קָארִיצֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

דֶער צַדִיק רֶבִּי לֵייבּ הָאט גֶעבֶּעטְן דִי מֶענְטְשְׁן פוּן דִי שִׁיף: "גְלַייךְ וֶוען אִיךְ וֶועל נִפְטָר וֶוערְן זָאל מֶען מִיר לֵייגְן אוֹיף אַ אַ בְּרֶעט אִין וַואסֶער"; אַזוֹי

הָאט מֶען טַאקֶע גֶעטוּן, וֶוען דֶער צַדִיק אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן הָאבְּן דִי מֶענְטְשְׁן פוּן דִי שִׁיף גֶענוּמֶען דֶעם הֵיילִיגְן גוּף אוּן אַרוֹיסְגֶעלֵייגְט אוֹיפְ'ן וַואסֶער אוֹיף אַ בְּרֶעט.

פְּלוּצְלוּנְג זֶעעֶן זֵיי אַ שַׁיין פוּן פֵייעֶר גֵייט אַרוֹיף בִּיזְ'ן הִימְל, זֵיי קוּקְן גוּט אוּן זֶעעֶן אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ, אַ פֵייעֶר זוֹיל גֵייט פוּנֶעם הֵיילִיגְן גוּף פוּנֶעם צַדִיק בִּיזְן הִימְל, דֶער בְּרֶעט אִיז גֶעשְׁווּימֶען בִּיז עֶס אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַ בָּארְטְן.

נִישְׁט וַוייט פוּן יַם אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁטָאט, דָארְט הָאט גֶעווּאוֹינְט אַ חָכָם וָואס הָאט גֶעלָאזְט צַוָואָה מֶען זָאל קֵיינֶעם נִישְׁט בַּאעֶרְדִיגְן נֶעבְּן אִים, אוֹיסֶער אֵיינֶעם זָאל מֶען לֵייגְן נֶעבְּן אִים, וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ שְׁווִימֶען אַ נִפְטָר מִיט אַ פֵייעֶר זוֹיל בִּיזְן הִימְל - זָאל מֶען יֶענֶעם בַּאעֶרְדִיגְן נֶעבְּן אִים.

יֶעצְט וֶוען דִי מֶענְטְשְׁן פוּן שְׁטָאט הָאבְּן גֶעזֶען דִי אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ, ווִי עֶס קוּמְט צוּ שְׁווִימֶען אַ נִפְטָר מִיט אַ פֵייעֶר זוֹיל בִּיזְן הִימְל, זֶענֶען אַלֶע אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען מְקַבֵּל פָּנִים זַיין דֶעם נִפְטָר, אוּן מֶען הָאט בַּאעֶרְדִיגְט דֶעם צַדִיק רֶבִּי לֵייבּ נֶעבְּן יֶענֶעם חָכָם.

דִי מַעֲשֶׂה הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט. נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט אַז דֶער צַדִיק רֶבִּי לֵייבּ אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים אִין חָלוֹם אוּן גֶעבֶּעטְן: "זַייט מְקָרֵב מַיינֶע קִינְדֶער צוּ אַייךְ"; דֶער גְרוֹיסֶער צַדִיק הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם רֶבִּי'ן עֶר ווִיל אַז זַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲסִידִים, אוּן אַזוֹי אִיז גֶעוָוארְן, זַיינֶע קִינְדֶער; זַיינֶע זִין, בִּפְרַט זַיין אֵיידֶעם דֶער צַדִיק רֶבִּי יוּדְל אִיז גֶעוָוארְן פוּן דִי גְרוֹיסֶע תַּלְמִידִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, וָואס נֶעמֶען מִיר אַרוֹיס פוּן דִי מַעֲשֶׂה? מִיר לֶערְנֶען זִיךְ פוּן דֶעם אַז דִי גְרֶעסְטֶע צַדִיקִים וָואס וֵוייסְן אַלֶעס אוּן קֶענֶען אַלֶעס, ווִילְן אַז זֵייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין נָאנְט צוּם רֶבִּי'ן, וַוייל זֵיי וֵוייסְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זַיין נָאנְט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וָואס מֶען בַּאקוּמְט בַּיים רֶבִּי'ן; מֶען בַּאקוּמְט אֱמוּנָה, דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוֹיס צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זַיין צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

לָאמִיר זִינְגֶען: "טַאטֶע אִיךְ וִויל נָאר דִיר, טַאטֶע אִיךְ דַארְף נָאר דִיר, טַאטֶע אִיךְ וִויל נִכְלָל וֶוערְן אִין דִיר".

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

## עֶס אִיז נִישְׁט גוּט פָּארְפֶּעלְקֶער זָאלְן עֶסְן אִינְאֵיינֶעם

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, ז' אִיָּר, כ"ב לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק

מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶס וֶוענְדְט זִיךְ וֶוען, וואוּ אוּן פַארְוָואס; סְתָּם אַזוֹי אִיז נִישְׁט כְּדַאי צוּ עֶסְן שַׁבָּת סְעוּדוֹת וְכַדוֹמֶה צְוֵויי פָּארְפֶּעלְקֶער אִינְאֵיינֶעם, וָואס פֶעלְט עֶס אוֹיס? פַארְוָואס דַארְף מֶען דָאס טוּן?

אַז מֶען פָּארְט צוּ אַ רֶבִּי מְקַבֵּל זַיין קְדוּשָׁה אוּן מֶען הָאט נִישְׁט אַן אֵייגֶענֶע אַכְסַנְיָא - דֶעמָאלְט קֶען מֶען יָא עֶסְן בַּיי אַנְדֶערֶע, אוֹיךְ נָאר מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען מֶען אִיז בַּיי דִי עֶלְטֶערְן אוּן עֶס קוּמֶען נָאךְ קָאפְּלְס; אָבֶער סְתָּם אַזוֹי, זִיךְ צוּזַאמְנֶעמֶען חֲבֵרִים, מֶענֶער מִיט דִי וַוייבֶּער עֶסְן אִינְאֵיינֶעם, פַארְבְּרֶענְגֶען אִינְאֵיינֶעם - אִיז נִישְׁט כְּדַאי, עֶס קוּמְט נִישְׁט אַרוֹיס קַיין גוּטְס פוּן דֶעם.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ צוּ הֶערְן אַז אִיר הָאט מְסַיֵּם גֶעוֶוען דִי צְוֵוייטֶע מָאל תְּהִלִּים, יֶעצְט זָאלְט אִיר נָאכְאַמָאל אָנְהוֹיבְּן תְּהִלִּים; אַ גַאנְץ לֶעבְּן זָאלְט אִיר זָאגְן תְּהִלִּים.

...

## אוֹיפְאַרְבֶּעטְן דִי גִּלְיוֹן אִין עֶנְגְלִישׁ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ, יוֹם א' פַּרְשַׁת בְּהַר, י"ד אִיָּר, כ"ט לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק

מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶנְדֶערְשׁ זָאלְט אִיר עֶנְדִיגְן דִי זַאךְ וָואס אִיר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן וְוי אֵיידֶער זוּכְן פְּרִישֶׁע עַסְקָנוּת; אִיר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן מַאכְן דֶעם עֶנְגְלִישְׁן גִּלְיוֹן - זָאלְט אִיר אִין דֶעם אַרַיינְלֶייגְן אַייעֶר עַסְקָנוּת.

קוֹיפְן אַ לֶעקְטֶער פַאר קִינְדֶער וָואס זֶענֶען גֶעל אַז דִי בְּרִית זָאל קֶענֶען זַיין אִין צַייט - דָאס קֶענֶען אַנְדֶערֶע אוֹיךְ טוּן, צוּשְׁטֶעלְן נַאכְטְמָאל פַּאר מִשְׁפָּחוֹת וָואס קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט קַיין עֵצָה גֶעבְן - קֶענֶען אוֹיךְ אַנְדֶערֶע טוּן, אָבֶער דֶער עֶנְגְלִישֶׁער גִּלְיוֹן וָואס טוֹיזְנְטֶער מֶענְטְשְׁן וַוארְטְן אוֹיף דֶעם - אִיז בִּיז דֶערְוַוייל נִישְׁטָא קַיין אַנְדֶערֶע וָואס זָאלְן דָאס טוּן, אִיז מַמָּשׁ אַ שָׁאד אִיר זָאלְט זוּכְן פְּרִישֶׁע עַסְקָנוּת.

מִיר ווילְן יֶעצְט אוֹיפְאַרְבֶּעטְן דִי עֶנְגְלִישֶׁע גִּלְיוֹן דָאס זָאל זַיין אִין אַלֶע שְׁטֶעט, אִין אַלֶע אִידִישֶׁע הַייזֶער וואוּ מֶען רֶעדְט עֶנְגְלִישׁ; אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר וֶועט אַרַיינְלֶייגְן אִין דֶעם אַייעֶר גַאנְצֶע הַארְץ.

עֶס אִיז דָא אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס אִיז גְרֵייט אִיבֶּערְצוּנֶעמֶען דָאס אוֹיסְשְׁטֶעלְן דֶעם גִּלְיוֹן, עֶר דַארְף נָאר פוּן אַייךְ דִי חוֹמֶר; אִיר וֶועט אִים שִׁיקְן בְּרִיוו מְתוּרְגָם אוֹיף עֶנְגְלִישׁ אוּן עֶר וֶועט דָאס שֵׁיין אוֹיסְשְׁטֶעלְן.

בִּיטֶע זִיךְ פַארְבִּינְדְן מִיט'ן קֶרֶן הַדְפָּסָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### דִי גֶעבּוּרְטְ'ס טָאג אִיז פַארְ'ן מֶענְטְשׁ אַזוֹי וְוי רֹאשׁ הַשָּׁנָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בְּהַר, ט"ו אִיָּר, ל' לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק תִּחְיֶ' ...

אַייעֶר טַאטֶע הָאט מִיר גֶעבֶּעטְן אִיךְ זָאל אַייךְ שְׁרַייבְּן אַפָּאר וֶוערְטֶער לְכָבוֹד אַייעֶר יוֹם הוּלֶדֶת.

עֶס שְׁטֵייט פוּן צַדִּיקִים מֶען זָאל זִיךְ פָּארְנֶעמֶען אַ גוּטֶע זַאךְ אִינֶעם יוֹם הוּלֶדֶת, דִי גֶעבּוּרְטְ'ס טָאג אִיז פַארְ'ן מֶענְטְשׁ אַזוֹי וְוי רֹאשׁ הַשָּׁנָה; זָאלְט אִיר זִיךְ מְקַבֵּל זַיין אַ גוּטֶע זַאךְ.

אַ סְגוּלָה אַוֶועק צוּ נֶעמֶען פְּחָדִים; דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת פַּחַד, סִימָן ה): "בִּצְדָקָה תְּבַטֵּל אֶת הַפַּחַד", צְדָקָה נֶעמְט אַוֶועק שְׁרֶעק; נֶעמְט אַ צְדָקָה פּוּשְׁקֶע, גֶעבְּט אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה אוּן בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן:

**"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין שְׁרֶעק, אִיךְ זָאל נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קֵיינֶעם - נָאר פוּן דִיר".**

אוּיךְ זָאלְט אִיר דֶערְצֵיילְן פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אַייךְ, אוּן אוֹיב חַס וְשָׁלוֹם אִיר הָאט גֶעטוּן עֶפֶּעס שְׁלֶעכְטְס - זָאלְט אִיר זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין. אַז מֶען שְׁמוּעֶסְט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען דֶערְצֵיילְט אַלֶעס, אוּן אוֹיב מֶען טוּט חַס וְשָׁלוֹם שְׁלֶעכְטְס אִיז מֶען זִיךְ מִתְוַדֶּה - גֵייעֶן אַוֶועק אַלֶע פְּחָדִים, אוּן אוֹיב מֶען אִיז זִיךְ נִישְׁט מִתְוַדֶּה - הָאט מֶען שְׁרֶעק. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם, סִימָן לד): "מִי שֶׁאֵינוֹ מִתְוַדֶּה עַל עֲווֹנוֹתָיו", וֶוער עֶס אִיז זִיךְ נִישְׁט מִתְוַדֶּה, "מוֹרָא בָּא עָלָיו", בַּאקוּמְט אַ שְׁרֶעק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## גֵיי נִישְׁט שְׁלָאפְן פַאר'ן לֶערְנֶען דֶעם בְּלַאט גְמָרָא

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - אוֹר לְיוֹם ג' בְּהַר, ט"ז אִיָּר, ל"א לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זִיץ יֶעצְט אִין עֵירְפָּארְט, נָאךְ אַפָּאר מִינוּט גֵיי אִיךְ אַרוֹיף אוֹיפְ'ן פְלִיגֶער; מִיר פָארְן צוּ דִי הִילוּלָא פוּן לַ"ג בָּעֹמֶר, זַיין אִין מִירוֹן בַּיים צִיּוּן הַתַּנָּא הָאֱלֹקִי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי, אִיךְ וֶועל אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם בֶּעטְן פַאר דִיר.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, גֵיי נִישְׁט שְׁלָאפְן פַאר'ן לֶערְנֶען דֶעם בְּלַאט גְמָרָא, דָאס אִיז דַיין עָתִיד. נָאר אַז מֶען לֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא - הָאט מֶען אַן עָתִיד, אַז נִישְׁט וֶוערְט מֶען פַארְשְׁוֶועמְט; עֶס גֵייט אַ מַבּוּל אִין גַאס, מֶען מוּז זִיךְ בַּאשִׁיצְן, זִיךְ בַּאהַאלְטְן - אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; נִישְׁטָא נָאךְ אַ זַאךְ וָואס

רַאטֶעוֶועט דֶעם אִיד - נָאר דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

נִישְׁטָא קַיין אֵיין בְּלַאט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ וָואס עֶס זָאל נִישְׁט שְׁטֵיין דָארְט דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דֶער וָואס לֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אִיךְ וִויל דִיר מְחַזֵּק זַיין זָאלְסְט אוֹיךְ אָנְהוֹיבְּן שַׁ״ס

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ בְּהַר, ט״ז אִיָּר, ל״א לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זִיךְ יֶעצְט אוֹיפְ׳ן פְלִיגֶער, מִיר פָארְן צוּ דִי הִלּוּלָא פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פּוֹעֵלְ׳ן יְשׁוּעוֹת אוּן רְפוּאוֹת פַאר אַלֶע אִידְן.

אִיךְ פָאר מִיט מַיין וַוייבּ, אוֹיךְ מִיט מַיין זוּן שִׁמְעוֹן נֵרוֹ יָאִיר. אִיךְ בִּין מְעוֹדֵד מַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן עֶנְדִיגְן שַׁ״ס כְּסִדְרָן, אוּן אִיךְ זָאג זֵיי אַז אוֹיבּ זֵיי וֶועלְן לֶערְנֶען אוּן מְסַיֵּים זַיין שַׁ״ס - גֶעבּ אִיךְ זֵיי אַ מַתָּנָה, אִיךְ נֶעם זֵיי קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל; יֶעצְט אִיז גֶעקוּמֶען זַיין רַייעֶ. גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶע קִינְדֶער בִּיז דֶערְוַוייל הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מְסַיֵּים זַיין שַׁ״ס, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל מִיר הֶעלְפְן וַוייטֶער.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דָאס, אִיךְ וִויל דִיר מְחַזֵּק זַיין דוּ זָאלְסְט אוֹיךְ אָנְהוֹיבְּן שַׁ״ס, לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דַפִּים גְמָרָא. עֶס אִיז דָאךְ אַ מְחַיֶּ׳ צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא; נִישְׁטָא עֶפֶּעס בֶּעסֶערְ׳ס וִוי לֶערְנֶען.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ זִיסֶע וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ לֶערְנֶען (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן עו), אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט - זָאל מֶען לֶערְנֶען אָן פַארְשְׁטֵיין, נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער.

...

## נִישְׁט צִינְדְן קַיין לֶעכְט אִין שְׁטוּבּ

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ בְּהַר, ט״ז אִיָּר, ל״א לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳ בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

בְּנוֹגֵעַ וְכוּ׳; צִינְדְט נִישְׁט קַיין לֶעכְט אִין שְׁלָאף שְׁטוּבּ. אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ שְׁטֵייט (הַקְדָּמָה יד:): ״בַּר מִן אַסִימוֹ״ן וְכָל כַּת דִּילֵיהּ דְּאַזְלֵי עַל שְׁרַגֵּי בְּטְמִירוּ לְמֶחֱמֵי עַל גִּלּוּיֵי דְּשִׁמּוּשָׁא״, עֶס זֶענֶען דָא שְׁרֶעקֶעדִיגֶע מַלְאָכִים וָואס בַּאהַאלְטְן זִיךְ אִין דִי לֶעכְט וָואס בְּרֶענְט אִין שְׁלָאף שְׁטוּבּ פוּן מַאן אוּן וַוייבּ, זֵיי וַוארְטְן דָארְט אִין דִי לֶעכְט בִּיז וְכוּ׳, נָאכְדֶעם גֵייעֶן זֵיי צוּם קִינְד וְכוּ׳ אוּן שֶׁעדִיגְן, (מֶען רֶעדְט נִישְׁט פוּן אַ לָאמְפּ, מֶען רֶעדְט פוּן אַ לֶעכְט).

מוֹהֲרָא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ שְׁרַייבְּט זֵייעֶר אַסַאךְ מֶען זָאל נִישְׁט צִינְדְן קַיין לֶעכְט אִין שְׁטוּבּ, נָאר נֵרוֹת שַׁבָּת וְיוֹם טוֹב, אַלְס סַכָּנָה; דָאס אִיז אֲפִילוּ אִין קָאךְ אוּן אִין שַׁבָּת שְׁטוּבּ, אָפְּגֶערֶעדְט אִין שְׁלָאף שְׁטוּבּ פוּן מַאן אוּן וַוייבּ - אִיז אַ סַכָּנָה.

מֶען קֶען הָאבְּן אַ זִיסֶע לֶעבְּן מַאן אוּן וַוייבּ - אָן טוּן דִי אַלֶע זַאכְן. אִיךְ הָאבּ אַייךְ שׁוֹין גֶעשְׁרִיבְּן כַּמָּה פְּעָמִים, אַז מֶען קוּקְט מָאוִּויס מֵיינְט מֶען נֶעבֶּעךְ אַז מֶען קֶען זִיךְ נָאר לִיבּ הָאבְּן ווִי אַזוֹי דֶער גוֹי טָמֵא טוּט; וֵויי אוּן בִּיטֶער וֶוער עֶס קוּקְט דִי עֶקֶלְדִיגֶע זַאכְן, מֶען קֶען נֶעבֶּעךְ נִישְׁט לֶעבְּן, מֶען פַּיינִיגְט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג, מֶען טְרַאכְט אַלְץ נָאכְצוּמַאכְן דִי עֶקֶלְדִיגֶע זַאכְן.

זָאגְט תְּהִלִּים וֶועט אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַייךְ דִי אַלֶע זַאכְן וָואס אִיר הָאט גֶעקוּקְט.

...

## גֵיין אִין קָאנְטְרִי נָאר מִיט אַ גוּטֶע סְבִיבָה

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ בְּהַר, ט״ז אִיָּר, ל״א לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר הָאט מִיר גֶעוִויזְן דַיין נָאמֶען צְוִוישְׁן דִי מִשְׁפָּחוֹת וָואס קוּמֶען אִינֶעם נֵייעֶם בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר קָאנְטְרִי.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז דוּ וֶועסְט זַיין זוּמֶער מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, עֶס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג זִיךְ צוּ דְרֵייעֶן צְווִישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲסִידִים; וַוייל אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט בַּאאֵיינְדְרוּקְט פוּן דִי אַרוּמִיגֶע.

קֶענְסְט זֶען וואוּילֶע אִינְגֶעלַייט וָואס הָאבְּן נָאךְ אַ בְּרֶעקֶעלֶע יִרְאַת שָׁמַיִם, זֵיי גֵייעֶן אִין קָאנְטְרִי מִיט נִישְׁט אַ גוּטֶע סְבִיבָה, עֶס הָאט אַן הַשְׁפָּעָה אוֹיף זֵיי, בִּיז זֵיי פַארְלִירְן דָאס בְּרֶעקְל יִרְאַת שָׁמַיִם.

מִיר גֶעפוּנֶען (פְּסָחִים קיב:), רַבֵּינוּ הַקָּדוֹשׁ הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע קִינְדֶער: "אַל תְּדוּרוּ בִּשְׁכֶנְצִיב", זֵיי זָאלְן נִישְׁט גֵיין קַיין שְׁכֶנְצִיב וואוֹינֶען; דֶעמָאלְט אִיז גֶעוֶוען אַ קָאנְטְרִי וָואס הָאט גֶעהֵייסְן "קָאנְטְרִי שְׁכֶנְצִיב", וָואס אִיז גֶעוֶוען דֶער פְּרָאבְּלֶעם דָארְט? זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען לֵצִים; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אֲפִילוּ אַזֶעלְכֶע הֵיילִיגֶע מֶענְטְשְׁן ווִי רַבֵּינוּ הַקָּדוֹשׁ'ס קִינְדֶער - הָאבְּן זִיךְ אוֹיךְ גֶעדַארְפְט בַּאוָוארֶענֶען מִיט וֶועם זֵיי דְרֵייעֶן זִיךְ.

זַיי שְׁטַארְק מִיט נֶעגְל וַואסֶער; פַאר דִיר, דַיין וַוייבּ אוּן דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְסְטוּ אָנְגְרֵייטְן נֶעגְל וַואסֶער - וֶועט דִי שְׁטוּבּ זַיין הֵיילִיג אוּן רֵיין.

אִיךְ בִּין יֶעצְט אוֹיפְ'ן פְלִיגֶער, אוֹיפְ'ן וֶועג קַיין מִירוֹן, אִיךְ וֶועל בֶּעטְן פַאר דִיר.

...

### מַזָל טוֹב צוּ דַיין חֲתוּנָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' בְּהַר, ט"ז אִיָּר, ל"א לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן
לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

מַזָל טוֹב צוּ דַיין חֲתוּנָה, אִיךְ בִּין יֶעצְט אוֹיפְ'ן עֶרָאפְּלַאן, אִיךְ פָאר קַיין מִירוֹן צוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי, אִיךְ וֶועל זִיךְ נִישְׁט בַּאטֵיילִיגְן בַּיי דַיין חֲתוּנָה; אַ בְּרָכָה וִויל אִיךְ דִיר וואוּנְטְשְׁן:

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט לֶעבְּן מִיט דַיין וַוייבּ בְּאַהֲבָה, אַחְוָה, שָׁלוֹם וְרֵעוּת, דַיין שְׁטוּבּ זָאל זַיין אַ פְּלַאץ פַאר הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

### דַיין גַאנְצֶע פְּרָאבְּלֶעם אִיז אַז דוּ בִּיסְט נִישְׁט פְרֵיילִיךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ בְּהַר, ט״ז אִיָר, ל״א לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

חַסְדֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מִיר זֶענֶען יֶעצְט אָנְגֶעקוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף לָאזְן מִיר זִיךְ יֶעצְט אַרוֹיס קַיין מִירוֹן; אִיךְ וֶועל דַאוֶוענֶען פַאר דִיר אוּן דַיין מִשְׁפָּחָה.

לָאז שׁוֹין אָפּ דִי עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה, שְׁטַארְק זִיךְ בְּכָל כֹּחֲךָ לִהְיוֹת רַק שָׂמֵחַ, שִׂמְחָה פַארְבְּרֶענְט דִי קְלִיפּוֹת; גֵיי אַ טֶענְצְל, טַאנְץ אוּן פְרֵיי זִיךְ מִיט דִי מִצְוֹת וָואס דוּ טוּסְט. מוֹהֲרַא״שׁ זָאגְט: ״רִיקוּ״ד אִיז דִי זֶעלְבֶּע אוֹתִיּוֹת וְוִי דִיקוּ״ר״, מִיט יֶעדֶע טַאנְץ גֶעבְּט מֶען אַ שְׁטֶעךְ דֶעם סַמֶ״ךְ מֶ״ם וְכַת דִילֵי׳, זַייעֶר זַאךְ אִיז עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה, בַּיי דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז גָאר דֶער הִפּוּךְ, ״עֹז וְחֶדְוָה בִּמְקֹמוֹ״ (דִּבְרֵי הַיָּמִים א טז, כז).

זִיבֶּעצִיג פְּרָאצֶענְט עֶנְטְפֶערְס פוּן שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב עֶנְטְפֶערְט מוֹהֲרַא״שׁ דֶעם לָשׁוֹן: ״דַיין גַאנְצֶע פְּרָאבְּלֶעם אִיז אַז דוּ בִּיסְט נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, וָואלְסְטוּ גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ - וָואלְטְן אַלֶע צָרוֹת בָּטֵל גֶעוָוארְן״; וַוייל שִׂמְחָה אִיז דִי רְפוּאָה אוֹיף אַלֶעס, שִׂמְחָה אִיז דִי שְׁלִיסְל אַרַיינְצוּקוּמֶען צוּ דִי קְדוּשָׁה.

ווּאוֹיל אִיז דֶעם וָואס טַאנְצְט אוּן פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דִי שִׂמְחָה אַז מִיר זֶענֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער, מִיר הָאבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר הָאבְּן צַדִּיקִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אַ רֵיינֶע הַארְץ, אַ רֵיינֶע מֹחַ, אִיךְ זָאל נָאר לִיבּ הָאבְּן דִי תּוֹרָה וֶועג

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' בְּהַר, ט"ז אִיָּר, ל"א לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ' קְרִיַּת בְּרֶסְלֶב, תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי תְּפִלָּה יֶעדְן טָאג:

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין פְּרֵיילִיךְ, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן אוֹיף דֶער יֵצֶר הָרָע וָואס וִויל מִיר נָאר אַלְץ טְרוֹיעֶרִיג מַאכְן, הֶעלְף מִיר אַוֶועקְשְׁטוּפְּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת. אַ גַאנְצְן צַייט טְרַאכְט אִיךְ שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, אַז עֶפֶּעס גֵייט פַּאסִירְן מִיט מִיר, עֶפֶּעס שְׁלֶעכְטְס גֵייט פַּאסִירְן צוּ מַיינֶע קִינְדֶער; דִי מַחֲשָׁבוֹת זֶענֶען אַזוֹי שְׁטַארְק, עֶס וַוארְפְּט מִיר אַרָאפּ אִין תְּהוֹם, אִיךְ וֶוער שְׁוַואךְ, אִיךְ פַּארְלִיר דִי אֱמוּנָה.

אָנָּא ה', הֶעלְף מִיר, הָאבּ אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת, וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין זַיין פְּרֵיילִיךְ; נָאר דוּרְךְ שִׂמְחָה קֶען מֶען אַוֶועקְשְׁטוּפְּן דִי שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען, הֶעלְף מִיר טַאטֶע אִיךְ זָאל גְלֵייבְּן אִין דִיר, אִיךְ זָאל גֶעדֶענְקֶען אַז דוּ בִּיסְט מִיט מִיר, דוּ הִיטְסְט מִיר, דוּ הִיטְסְט מַיינֶע קִינְדֶער, דוּ בִּיסְט אַלֶעס, נִישְׁטָא גָארְנִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט, אַלֶעס בִּיסְטוּ, אַלֶעס אִיז אַ לְבוּשׁ פוּן דִיר.

אָנָּא ה', הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל לִיבּ הָאבְּן דִי תּוֹרָה, לִיבּ הָאבְּן צְנִיעוּת. פַּארְוָואס וִויל אִיךְ זִיךְ אָנְטוּן וִוי דִי גוֹיִם טְמֵאִים? פַּארְוָואס וִויל אִיךְ אָנְטוּן מַיינֶע קִינְדֶער פְּרָאסְט? וָואס אִיז מִיט מִיר? פַּארְוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט לִיבּ דִי תּוֹרָה וֶועג?! הֶעלְף מִיר טַאטֶע, גֶעבּ מִיר אַ רֵיינֶע הַארְץ, אַ רֵיינֶע מֹחַ, אִיךְ זָאל נָאר לִיבּ הָאבְּן דִי תּוֹרָה וֶועג".

אִיךְ פָאר יֶעצְט קַיין מִירוֹן, אִיךְ וֶועל בֶּעטְן פַאר עֶנְק.

...

## אָנְגֶעצוֹיגְנְקֵייט בַּיי דִי אַרְבֶּעט, אִיז נִישְׁט קֵיין תֵּירוּץ צוּ שְׁרֵייעֶן אוֹיף דִי וַוייבּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ בְּהַר, ט״ז אִיָּר, ל״א לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד מַיין לִיבֶּער טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

אִיךְ ווִיל דִיר מְחַזֵּק זַיין דוּ זָאלְסְט זִיךְ דֶערְמַאנֶען דִי חֲסָדִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט מִיט דִיר, דִי חֶסֶד חִנָּם אַז דוּ הָאסְט חֲתוּנָּה גֶעהַאט. דֶערְמַאן זִיךְ צוּרִיק, בִּיסְט גֶעוֶוען אַ שְׁבְרֵי כֵּלִי, אַ בָּחוּר אַ רַחְמָנוּת, הָאסְט זִיךְ גֶעוַואלְגֶערְט וְכוּ׳; יֶעצְט הָאסְטוּ בַּאקוּמֶען אַ מַתָּנָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַ טֵייעֶרֶע פְרוֹי.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט אוּנְז (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יג) דִי צְוֵויי קִינְדֶער וָואס זֶענֶען פַארְלוֹירְן גֶעוָוארְן אִין וַואלְד, נָאךְ דִי חֲתוּנָּה הָאבְּן זֵיי זִיךְ שְׁטֶענְדִיג דֶערְמַאנְט דִי חֲסָדִים פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ווִי דִי בֶּעטְלֶערְס זֶענֶען זֵיי גֶעקוּמֶען הֶעלְפְן; דָאס לֶערְנְט אוּנְז מִיר זָאלְן נִישְׁט נֶעמֶען אוּנְזֶער לֶעבְּן אַז אַזוֹי קוּמְט עֶס, מִיר זָאלְן שְׁטֶענְדִיג דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דוּ פְרֶעגְסְט מִיר טָאג אוּן נַאכְט וָואס נָאךְ דוּ קֶענְסְט מִיר הֶעלְפְן, מִיט וָואס נָאךְ דוּ קֶענְסְט מִיר גְרִינְגֶער מַאכְן דִי אַרְבֶּעט; אַז דוּ ווִילְסְט מִיר גְרִינְגֶער מַאכְן דִי אַרְבֶּעט - זָאלְסְטוּ פוּן הַיינְט אוּן וַוייטֶער נָאר רֶעדְן שֵׁיין אִין שְׁטוּב, נָאר רֶעדְן וֵוייךְ אוּן אֵיידְל. דַיין וַוייבּ אִיז גָאר אַן אֵיידֶעלֶע פְרוֹי, זִי וֶוערְט דֶערְשְׁרָאקְן וֶוען מֶען רֶעדְט צוּ אִיר שְׁנֶעל, הוֹיךְ אוּן שַׁארְף. אִיךְ וֵויס אַז דוּ בִּיסְט אַ גוּטֶער מֶענְטְשׁ, דוּ מֵיינְסְט בִּכְלָל נִישְׁט קֵיין שְׁלֶעכְטְס, דוּ רֶעדְסְט טַאקֶע רוֹב מָאל וֵוייךְ, שֵׁיין אוּן אֵיידְל, נָאר דִי פָּאר מָאל וָואס דוּ וֶוערְסְט אִיבֶּערְגֶעשְׁטֶרֶענְגְט רֶעדְסְטוּ שְׁנֶעל, הוֹיךְ אוּן שַׁארְף, זִי וֶוערְט פָּשׁוּט דֶערְשְׁרָאקְן דֶערְפוּן, קֶען זִי זִיךְ נִישְׁט קָאנְצֶעטְרִירְן וָואס דוּ זָאגְסְט, וֶוערְסְטוּ נָאךְ מֶער אָנְגֶעצוֹיגְן, רֶעדְסְטוּ נָאךְ שְׁנֶעלֶער וְכוּ׳ וְכוּ׳; זָאלְסְט מִיט אַלֶע דַיינֶע כֹּחוֹת זִיךְ קָאנְצֶעטְרִירְן צוּ רֶעדְן נָאר וֵוייךְ, אֵיידְל אוּן שֵׁיין, מִיט דֶעם וֶועסְטוּ מִיר הֶעלְפְן אוּן גְרִינְגֶער מַאכְן דִי אַרְבֶּעט.

דָאס אִיז נִישְׁט קֵיין תֵּירוּץ, צוּ זָאגְן ׳עֶס אִיז דָא צַייטְן וֶוען עֶס אִיז אָנְגֶעצוֹיגְן בַּיי דִי אַרְבֶּעט, דַארְף מַיין וַוייבּ פַארְשְׁטֵיין אַז עֶס אִיז אָנְגֶעצוֹיגְן׳;

װער דַארְף די אַרְבֶּעט? װער דַארְף די גֶעשֶׁעפְטְן? װער דַארְף גֶעלְט? נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ רֶעדְן שְׁנֶעל, הוֹיךְ און שַׁארְף.

מוֹהֲרָא״ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ דֶערְצֵיילְט אוּנְז, דֶער גְרוֹיסֶער צַדִיק רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן הָאט אַמָאל גֶעהֶערְט ווי אֵיינֶער רֶעדְט הוֹיךְ, עֶר שְׁרֵייט צוּ זַיין וַוייבּ, הָאט דֶער צַדִיק אַפִּיר גֶענוּמֶען דֶעם אִיד און דִי זַייט און אִים פָּארְגֶעהַאלְטְן: ״אוֹיף אַ וַוייבּ שְׁרֵייט מֶען?! צוּ אַ וַוייבּ דַארְף מֶען רֶעדְן פּוּטֶערְדִיג, וֵוייךְ, שְׁטִיל, אֵיידְל און שֵׁיין״.

אִיךְ בִּין יֶעצְט אוֹיפְ׳ן װעג קַיין מִירוֹן, אִיךְ װעל בֶּעטְן פַאר דִיר.

...

### יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְ׳ן הֶעלְפְן אַרִיבֶּערְצִיעֶן דֶעם קֶרֶן הַדְפָּסָה צוּם נֵייעֶם בִּנְיָן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - ג׳ פַּרְשַׁת בְּהַר, י״ז אִיָּר, ל״ב לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן, פֹּה מִירוֹן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

אַ גְרוֹיסְן דַאנְק פַארְ׳ן הֶעלְפְן אַרִיבֶּערְטְרָאגְן אַלֶע מַאשִׁינֶען און אַלֶע סְפָרִים צוּם נֵייעֶם בִּנְיָן קֶרֶן הַדְפָּסָה הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ. גֶעבּ אִיבֶּער פַאר אַלֶע אִינְגֶעלַייט און בָּחוּרִים וָואס הָאבְּן גֶעהָאלְפְן, אַלֶע וָואס הֶעלְפְן הָאבְּן דִי גְרוֹיסֶע הַבְטָחָה וָואס רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי הָאט צוּגֶעזָאגְט.

אִיךְ גֶעפִינְ זִיךְ יֶעצְט אִין מִירוֹן, אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען צוּם הִלוּלָא, אִיךְ װעל אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם זַיין אִין מִירוֹן בִּיז נָאךְ שַׁבָּת. אִיךְ טְרַאכְט, וָואס קֶען זַיין גְרֶעסֶער פוּן הֶעלְפְן דְרוּקְן און פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים און קוּנְטְרֵסִים, עֵצוֹת און חִיזוּק פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן - וָואס אִיז אַזוֹי מְחַיֶ׳ אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי זָאגְט (תְּרוּמָה קכח:) ״תָּא חֲזֵי, כָּל מַאן דְּאָחִיד בִּיָדָא דְחַיָּיבָא וְאִשְׁתָּדֵל בֵּיהּ, לְמִשְׁבַּק אָרְחָא בִּישָׁא״, קוּם און זֶע, זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר: אַ מֶענְטְשׁ וָואס בְּרֶענְגְט צוּרִיק זִינְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן צוּם

אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אִיהוּ אִסְתַּלָּק בִּתְלַת סְלוּקִין, מַה דְּלָא אִסְתַּלָּק הָכִי בַּר נָשׁ אַחֲרָא", דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אַרוֹיף צוּ גֵיין אוֹיף אַ פְּלַאץ וָואס קֵיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט זוֹכֶה, "גָּרִים לְאַכְפְּיָיא סִטְרָא אַחֲרָא", דֶער מֶענְטְשׁ נֶעמְט אַוֶועק טוּמְאָה פוּן דִי וֶועלְט, "וְגָרִים דְּאִסְתָּלַּק קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בִּיקָרֵיהּ", אוּן עֶר מַאכְט אַז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען זָאל וֶוערְן גֶעהֵיילִיגְט אוֹיף דִי וֶועלְט, "וְגָרִים לְקַיְּימָא כָּל עָלְמָא בְּקִיּוּמֵיהּ לְעֵילָּא וְתַתָּא", אוּן דֶער מֶענְטְשׁ אִיז גוֹרֵם אַז אַלֶע וֶועלְטְן שְׁטֵייעֶן אוֹיף זַיין זְכוּת. "וְזָכֵי לְמֶחֱמֵי בְּנִין לִבְנוֹי", עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ זֶען קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ, "וְזָכֵי בְּהַאי עָלְמָא, וְזָכֵי לְעָלְמָא דְּאָתֵי", אוּן עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, "כָּל מָארֵי דִינִין, לָא יַכְלִין לְמֵידָן לֵיהּ, בְּהַאי עָלְמָא וּבְעָלְמָא דְּאָתֵי", קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט שְׁלֶעכְטְ'ס טוּן, נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, "עָאל בִּתְרֵיסַר תַּרְעֵי, וְלֵית מַאן דְּיִמְחֵי בִּידֵיהּ", עֶר גֵייט אַרַיין אִין דְרַייצְן טוֹיעֶרְן פוּן שַׁעֲרֵי רַחֲמִים, אוּן קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט צוּרִיקְהַאלְטְן.

דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער תִּיקוּן, דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת נִיאוּף, סִימָן מא): "תִּקּוּן לְהוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה, שֶׁיִּשְׁתַּדֵּל לְהַחֲזִיר בְּנֵי אָדָם בִּתְשׁוּבָה", אַ תִּיקוּן פַאר דִי עֲבֵירוֹת אִיז אַרְבֶּעטְן צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; ווארויל אִיז דֶעם וָואס הָאט אַ חֵלֶק אִין הֲפָצָה, אוּן אַ חֵלֶק אִין הַדְפָּסָה - וֶועט עֶר אַלְץ פַארְרֶעכְטְן.

גֶעבּ אִיבֶּער פַאר אַלֶע אִינְגֶעלַייט אוּן בָּחוּרִים אַ פֶּערְזֶענְלִיכֶע דַאנְק, וַוייז זֵיי אַלֶע דֶעם בְּרִיוו.

...

**זָאלְסְט זִיךְ אָנְגַארְטְלֶען לְכָבוֹד לַ"ג בָּעֹמֶר עוֹסֵק זַיין צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם נַ'חַל נ'וֹבֵעַ מְ'קוֹר חָ'כְמָה**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ג' פַּרְשַׁת בְּהַר, י"ז אִיָּיר, ל"ב לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... **נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

חַסְדֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען בְּשָׁלוֹם קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, יֶעצְט גֶעפִוּן אִיךְ זִיךְ אִין מִירוֹן. אִיךְ בִּין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אַז אִיךְ בִּין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיךְ וֶועל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין לַ"ג בָּעֹמֶר בַּיים הִלּוּלַת הַתַּנָּא הָאֱלֹקִי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי פּוֹעֵל'ן יְשׁוּעוֹת. צַדִּיקִים טַייטְשְׁן אוֹיפְ'ן אוֹיסְדְרוּק וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בְּרָכוֹת ט.): "כְּדַאי הוּא רַבִּי שִׁמְעוֹן לִסְמֹךְ עָלָיו בִּשְׁעַת הַדְּחַק", דָאס מֵיינְט מֶען, אַז וֶוען מֶען אִיז בְּדַחֲקוּת הֶעלְפְט רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי.

אָנְקוּמֶענְדִיג אִין מִירוֹן אִיז גֶעוֶוען פַארְמַאכְט, מֶען פַארְמַאכְט דִי וֶועגְן צוּ קֶענֶען קוּמֶען קַיין מִירוֹן; אָבֶּער תְּפִלָּה עֶפְנְט אַלֶע טִירְן.

אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעטְרָאפְן מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ; עֶס אִיז אַזַא שִׂמְחָה זִיךְ צוּ טְרֶעפְן מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.

אִין עֶירְפָארְט הָאבּ אִיךְ בַּאקוּמֶען אַ שֵׁיינֶע מַתָּנָה, מֶען הָאט מִיר בַּאוִויזְן דִי נַייעֶ קִינְדֶער בִּיכְל "מַעֲשֶׂה'לֶעךְ פַאר קִינְדֶערְלֶעךְ" אִין אִידִישׁ אוּן אִין לָשׁוֹן הַקּוֹדֶשׁ; אַזוֹי שֵׁיין. אוֹיךְ הָאט מֶען מִיר בַּאוִויזְן דֶעם סֵפֶר "אִישׁ אֱמוּנוֹת", גְרֵייט צוּ דְרוּקְן.

דָא אִין מִירוֹן שְׁפִּירְט זִיךְ שׁוֹין וִוי יוֹם טוֹב, עֶס אִיז אַזוֹי פְרֵיילִיךְ, יֶעדֶער פְרֵיידְט זִיךְ, עֶס שְׁפִּירְט זִיךְ דֶעם (דָּנִיֵּאל ד, י): "עִ'יר וְ'קַדִּישׁ מִ'ן שְׁ'מַיָּא נָ'חִית"; מֶען דַארְף נָאר פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת אוּן הִתְחַזְּקוּת, וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט דָאךְ (הַקְדָּמַת לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן): "וְעַכְשָׁו יֵשׁ נַ'חַל נ'וֹבֵעַ מְ'קוֹר חָ'כְמָה שֶׁאֲפִלּוּ הָעִ'יר וְ'קַדִּישׁ מִ'ן שְׁ'מַיָּא גַּם כֵּן צָרִיךְ לְקַבֵּל מִשָּׁם", מֶען דַארְף דֶעם רֶבִּינְ'ס כֵּלִים צוּ קֶענֶען נֶעמֶען דִי עִיר וְקַדִּישׁ, דִי גְרוֹיסֶע הֵיילִיגְקֵייט, מִן שְׁמַיָּא נָחִית, וָואס קוּמְט אַרָאפּ פוּן הִימְל.

זָאלְסְטוּ זִיךְ אָנְגַארְטְלֶען לְכָבוֹד לַ"ג בָּעֹמֶר עוֹסֵק זַיין צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם נַ'חַל נ'וֹבֵעַ מְ'קוֹר חָ'כְמָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**רֶעדְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, רֶעדְט פוּן רֶבִּינְ'ס גְרוֹיסְקֵייט**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ג' פַּרְשַׁת בְּהַר, י"ז אִיָּר, ל"ב לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ גֶעפוּן זִיךְ אִין מִירוֹן, אִיךְ בִּין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ צוּ זַיין אִין מִירוֹן לַ"ג בָּעֹמֶר, אִיךְ וֶועל מִתְפַּלֵל זַיין פַאר דִיר.

אַלֶע דַיינֶע דִיבּוּרִים זָאלְן זַיין נָאר פוּן אֱמוּנָה אוּן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; רֶעד נִישְׁט פוּן מִיר, מַאךְ נִישְׁט קַיין צֶעדְרֵייטֶע זַאכְן. רֶעד נָאר פוּן רֶבִּי'ן; נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע טִפְּשׁוּת ווִי צוּ רֶעדְן פוּן אַ בָּשָׂר וָדָם.

אִיךְ בִּין אַמָאל גֶעוֶוען בַּיי מוֹהֲרָא"ש אִין צִימֶער מִיט נָאךְ אִינְגֶעלַייט, מֶען הָאט זִיךְ גֶעקְרִיגְט נֶעבֶּעךְ וְכוּ'; אֵיינֶער, אַ טִיפֵּשׁ, הָאט גֶעזָאגְט פַאר מוֹהֲרָא"ש: "מִיר הָאבְּן חִלוּקֵי דֵעוֹת וָואס מוֹהֲרָא"ש מֵיינְט צוּ זָאגְן", רוּפְט זִיךְ אָן מוֹהֲרָא"ש: "אִיר שְׁטוּפְּט מִיר אַרוֹיס", וָואס דַארְפְט אִיר רֶעדְן דִי זַאכְן? רֶעדְט פוּן רֶבִּי'ן; מוֹהֲרָא"ש אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר בֵּייז אוֹיף יֶענֶעם.

דָאס זָאג אִיךְ דִיר, לָאז אָפּ, רֶעדְט נִישְׁט פוּן דֶעם, פוּן יֶענֶעם, רֶעדְט נִישְׁט פוּן מִיר; רֶעדְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, רֶעדְט פוּן רֶבִּינְ'ס גְרוֹיסְקֵייט. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "דָאס הָאבּ אִיךְ גֶע'פּוֹעֶל'ט, וֶוער עֶס וֶועט רֶעדְן פוּן מִיר, וֶוען מֶען וֶועט רֶעדְן פוּן מִיר - וֶועט מֶען זִיךְ בַּאנֵייעֶן, מֶען וֶועט זַיין כַּקָּטָן שֶׁנּוֹלַד"; מֶען וֶועט אָנְהוֹיבְּן פוּנְדַאסְנֵיי דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**וַוארְפְט אַוֶועק דִי נִישְׁט גוּטֶע טֶעלֶעפָאן**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' בְּהַר, ט"ז אִיָּר, ל"א לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ' בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט אִין אַ הֵיילִיגֶע צַייט, עֶרֶב לַ"ג בָּעוֹמֶר; יֶעצְט אִיז אַ פַּאסִיגֶע צַייט זִיךְ צוּ דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. חֲכָמֵינוּ הַקְּדוֹשִׁים זָאגְן

(יְרוּשַׁלְמִי בְּרָכוֹת א, ה) דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בֶּעט פוּן אוּנְז צְוֵויי זַאכְן, דִי הַארְץ אוּן דִי אוֹיגְן, "לִיבָּא וְעֵינָא תְּרֵי סַרְסוּרֵי דַּחֲטָאָה נִינְהוּ", דִי צְוֵויי זַאכְן זֶענֶען וָואס בְּרֶענְגְט דֶעם מֶענְטְשׁ נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָדֶער חַס וְשָׁלוֹם טוּט עֶס אִים דֶערְוַוייטֶערְן, "אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, אִי יְהַבְתְּ לִי לִיבָּא וְעֵינָא, אֲנָא יָדַע דְּאַתְּ לִי".

וַוארְפְט אַוֶועק דִי נִישְׁט גוּטֶע טֶעלֶעפָאן, הָאט נִישְׁט מוֹרָא דָאס צוּ טוּן, אַייעֶר מַאן נֵרוֹ יָאִיר וֶועט אַייךְ נָאר אַרוֹיפְקוּקְן. אַז אִיר וֶועט זַיין שְׁטַארְק, אִיר וֶועט נִישְׁט קוּקְן דִי עֶקְלְדִיגֶע זַאכְן - וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַייךְ בַּאגְלִיקְן מִיט גְלִיק אוּן פְרֵייד.

מִיר מוּזְן עֶפֶּעס טוּן פַאר אוּנְזֶערֶע דוֹרוֹת; אַז מִיר וֶועלְן נִישְׁט זַיין שְׁטַארְק - וָואס וֶועט שׁוֹין זַיין מִיט אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער... יֶעצְט קוּמְט אַזֶעלְכֶע נִסְיוֹנוֹת - וָואס אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען; מִיר מוּזְן זַיין פֶעלְזְן פֶעסְט נִישְׁט צוּ הָאבְן דִי זַאכְן וָואס מֶען קוּקְט אִין דֶעם עֲבֵירוֹת.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט הָאבְן דִי שְׁטַארְקֵייט צוּ זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן דִי זַאכְן, אִיךְ וֶועל בֶּעטְן פַאר אַייךְ אִין מִירוֹן בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי.

...

מֶען וֶוערְט שׁוֹין גֶערֵיינִיגְט פוּן נָאר וֶועלְן לֶערְנֶען זוֹהַר

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ בְּהַר, י"ז אִיָּר, ל"ב לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... **נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

נֶעכְטְן בִּין אִיךְ אָנְגֶעקוּמֶען קַיין מִירוֹן; אִיךְ בִּין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ צוּ זַיין דָא בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי לַ"ג בָּעֹמֶר, דָא הֶערְשְׁט עֶפֶּעס אַ מוֹרָא׳דִיגֶע שִׂמְחָה; דִי שִׂמְחָה אִיז פוּן וָואס רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי הָאט מְגַלֶּה גֶעוֶוען אִין סֵפֶר הַזוֹהַר ווִי שְׁטַארְק דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן וָואס פַאר אַ שִׂמְחָה עֶס וֶוערְט אִין הִימְל וֶוען אַ אִיד לֶערְנְט תּוֹרָה, וֶוען אַ אִיד טוּט מִצְוֹת.

אִיךְ הָאבּ זִיךְ נָאכְנִישְׁט גֶעלֵייגְט שְׁלָאפְן; אִין מִירוֹן קֶען מֶען דֶען שְׁלָאפְן?! אִיךְ לֶערְן דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר תִּיקוּנִים, מֶען וֶוערְט אַזוֹי פְרֵיילִיךְ, מֶען זֶעט וִוי שְׁטַארְק דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ אִידְן.

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין דֶעם הֵיילִיגְן זוֹהַר, מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין תִּיקוּנִים; לֶערְן אֲפִילוּ נָאר אַבִּיסֶעלֶע. אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זָאגְן: "זוֹהַר הָאט אַזַא כֹּחַ, עֶס שְׁלֶעפְּט אִין מִקְוֶה"; מֶען וִויל דָאךְ לֶערְנֶען זוֹהַר - גֵייט מֶען אִין מִקְוֶה, מֶען לֶערְנְט נִישְׁט זוֹהַר אָן מִקְוֶה, קוּמְט אוֹיס אַז מֶען וֶוערְט שׁוֹין גֶערֵיינִיגְט פוּן נָאר וֶועלְן לֶערְנֶען זוֹהַר.

אוּנְזֶער זַאךְ אִיז נִישְׁט קַיין מִלְחָמוֹת, אוּנְזֶער זַאךְ אִיז נִישְׁט הַפְגָּנוֹת; מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין שַׁיְיכוּת מִיט דִי עֶרֶב רַב וָואס ווִילְן אוֹיסְרַייסְן דִי תּוֹרָה. אַזוֹי וִוי מִיר שְׁלָאגְן זִיךְ נִישְׁט מִיט גּוֹיִם - שְׁלָאגְן מִיר זִיךְ נִישְׁט מִיט זֵיי וְדַ"ל.

אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ אֲשֶׁר בְּנַחַל שָׁם גּוֹרָלֵנוּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דֶער וָואס רֶעדְט דִיךְ צוּ זִיךְ אָפְּצוּטֵיילְן, קֶען דָאס אַלֵיינְס מְקַיֵּים זַיין

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' בְּהַר, י"ז אִיָּר, ל"ב לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

הֶער נִישְׁט אוֹיס דִי וָואס רֶעדְן צוּ דִיר פוּן זִיךְ אָפְּטֵיילְן חַס וְשָׁלוֹם פוּן דַיין וַוייבּ, דֶער וָואס רֶעדְט פוּן זִיךְ אָפְּטֵיילְן - קֶען דָאס אַלֵיינְס מְקַיֵּים זַיין, אוֹיבּ הָאט עֶר אַ וַוייבּ. נָאר דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם רֶעדְט צוּ זִיךְ צוּ צֶעטֵיילְן, צֶעבְּרֶעכְן מִשְׁפָּחוֹת, זַיין זַאךְ אִיז הַמְּשֵׁל וּפְרוֹד, בַּיי דִי קְדוּשָׁה אִיז נָאר דָא שָׁלוֹם, דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס נָאמֶען אִיז שָׁלוֹם (שַׁבָּת י.), "ה' יְבָרֵךְ אֶת עַמּוֹ בַשָּׁלוֹם" (תְּהִלִּים כט, יא).

דוּ זָאלְסְט פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רסד) מִיר דַארְפְן מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ, אִיר הַאלְטְן טֵייעֶר, רֶעדְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ; בְּלָאז

אַרַיין הָאפֶענוּנְג אִין אִיר, וֶועט זִי וֶוערְן שְׁטַארק, וֶועט זִי הָאבְּן כֹּחַ פַּאר קִינְדֶער.

בְּנוֹגֵעַ דִּי מַחְלֹקֶת וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער יֶעצְט צוּלִיב בְּרֶסְלֶב; מַאךְ זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן, וָואס הָאסְטוּ בַּאקוּמֶען אִין דִּי הַאלְבֶּע יָאר בַּיים רֶבִּי'ן אוּן וָואס הָאסְטוּ בַּאקוּמֶען צְוָואנְצִיג יָאר - אָדֶער מֶער - בַּיי דַיין וְכוּ'? וָואלְסְט גֶעקֶענְט אוֹיסְלֶעבְּן דַיין לֶעבְּן דָארְט אָן עֶנְדִיגְן אֵיין מָאל חֲמִשָּׁה חוּמְשֵׁי תּוֹרָה, שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, בַּבְלִי וְכוּ', אוּן אָן דִּי אַלֶע גוּטֶע זַאכְן; נָאכְן זִיךְ מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן מֵיין אִיךְ אִיז מֶער נִישְׁטָא קַיין בְּחִירָה.

...

**מִיט תְּפִלָּה בַּאקוּמְט מֶען שֵׂכֶל ווִי אַזוֹי צוּ הַאנְדְלֶען אִין שְׁטוּב**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' בְּהַר, י"ז אִיָּיר, ל"ב לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער הַארְצִיגֶער ...**

וֶוען דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען בַּיי מִיר מִיט דַיין וַוייבּ אוּן גֶעבֶּעטְן אַן עֵצָה וְכוּ' הָאבּ אִיךְ דִּיר גֶעזָאגְט אִיךְ וֶועל רֶעדְן מִיט דִּיר פְּרִיוַואט, לְמַעֲשֶׂה בִּין אִיךְ אַוֶועק גֶעפָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, יֶעצְט בִּין אִיךְ אִין מִירוֹן, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וֶוען עֶס וֶועט אוֹיסְקוּמֶען צוּ רֶעדְן, וֶועל אִיךְ דִּיר קוֹדֶם שְׁרַייבְּן בִּרְמִיזָה, וֶוען עֶס וֶועט אוֹיסְקוּמֶען צוּ רֶעדְן פָּנִים בְּפָנִים - וֶועלְן מִיר רֶעדְן.

דִּי זַאךְ אִיז אַזוֹי, אַז דִּי וַוייבּ שְׁפִּירְט ווִי אִיר מַאן לוֹיפְט אִיר נָאךְ - וֶועט זִי זִיךְ אַוֶועקְצִיעֶן, ווִי נָאר דִּי וַוייבּ בַּאקוּמְט דִּי הַרְגָּשָׁה אַז אִיר מַאן לוֹיפְט אִיר נִישְׁט נָאךְ, אִיר מַאן אִיז אִיר מְכַבֵּד, עֶר זָארְגְט פַּאר אִיר, עֶר הֶעלְפְט אִיר אוּן רֶעדְט שֵׁיין צוּ אִיר - וֶועט זִי טוּן רְצוֹן בַּעְלָהּ; דָאס אִיז בָּדוּק וּמְנוּסֶּה.

דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז אַז נִישְׁט יֶעדֶער כַאפְּט דָאס, אָדֶער כַאפְּט מֶען יָא וָואס מֶען הָאט צוּ טוּן - אָבֶּער מֶען הָאט נִישְׁט כֹּחַ אוּן סַבְלָנוּת דָאס צוּ טוּן, דָאס אוֹיסְצוּאוַוארְטְן; דַארְף מֶען טוּן דִּי עֵצָה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן, זִיךְ אוֹיסְוֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים בֶּעטְן אוֹיף דִּי פְּשׁוּטְ'עֶ שְׁפְּרַאךְ: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר, גֶעבּ מִיר שֵׂכֶל אִיךְ זָאל וִויסְן וָואס

מֵיינְט מְכַבֵּד זַיין - דָאס צוּ טוּן, און וָואס מֵיינְט נָאכְלוֹיפְן - דָאס נִישְׁט צוּ טוּן; ווי אַזוֹי טוּט מֶען, וָואס טוּט מֶען, וויפִיל טוּט מֶען וְכוּ' וְכוּ'", מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ וויל לֶעבְּן מִיט מַיין וַוייבּ אַ גֶעזוּנְטֶע לֶעבְּן, אִיךְ וויל לֶעבְּן מִיט אִיר, נִישְׁט אִיר בַּאצְווינְגֶען, ווי אַזוֹי טוּט מֶען דָאס?"

מִיט תְּפִלָּה בַּאקוּמְט מֶען שֵׂכֶל. מוֹהֲרַא"שׁ זָאגְט, "שֵׂכֶל" אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּנֶעם פָּסוּק (אֵיכָה ב, יט): "שִׁ'פְכִי כַ'מַּיִם לִ'בֵּךְ", גִיס זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ פַאר'ן בַּאשֶׁעפֶער; דָאס אִיז שֵׂכֶל, תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת גֶעבְּט שֵׂכֶל, מֶען וֵוייסְט וָואס מֵיינְט 'יֶענֶעם לִיבּ הָאבְּן', און וָואס אִיז 'זִיךְ אַלֵיינְס לִיבּ הָאבְּן'; אַ וַוייבּ קוֹיפְט נִישְׁט אָפּ דָאס זָאגְן מֶען הָאט אִיר לִיבּ - וֶוען דִי גֶעפִילְן זָאגְן 'הָאסְט זִיךְ אַלֵיינְס לִיבּ וְכוּ''.

אִיךְ וֶועל רֶעדְן מִיט דִיר פָּנִים בְּפָנִים.

דֶערְוַוייל זַיי זִיךְ קוֹבֵעַ שִׁיעוּרִים אִין מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְמָרָא און מֶדְרָשׁ. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ גֵיין אִין פֶעלְד יֶעדְן אֵיינְצִיגְסְטְן טָאג; שְׁרֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר.

אִיךְ מוּז מְקַצֵּר זַיין, אִיךְ הֶער מֶען קֶען גֵיין צוּ דִי מַעֲרָה, אִיךְ לוֹיף אַרוֹיף.

...

**זַיי זִיךְ מְקַשֵּׁר מִיט רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי וואוּ דוּ בִּיסְט**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' בְּהַר, י"ז אִיָּיר, ל"ב לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרַט קָטָן לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

הַיינְט אִינְדֶערְפְרִי בִּין אִיךְ גֶעוֶוען בַּיים צִיּוּן. אִין דִי מַעֲרָה קֶען מֶען נִישְׁט בְּלַייבְּן שְׁטֵיין, מֶען קֶען נָאר אַרִיבֶּערְגֵיין, מֶען טְרַייבְּט אַרוֹיס; בַּיים אַרוֹיסְגֵיין, פוּן אוּנְטְן - קֶען מֶען בְּלַייבְּן שְׁטֵיין, אִיךְ הָאבּ זִיךְ דָארְט אַוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט זָאגְן תְּהִלִּים, אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעקֶענְט אַבִּיסְל אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ, אִיךְ הָאבּ אוֹיסְגֶעזָאגְט תְּהִלִּים.

מֶענְטְשְׁן פְרֶעגְן 'וָואס גֵייט פָאר אִין מִירוֹן?' דֶער וָואס אִיז פַּארְנוּמֶען מִיט טָפֶלְ'דִיגֶע זַאכְן וֶוערְט צֶעבְּרָאכְן; מֶענְטְשְׁן זֶענֶען צוּגֶעווָאוּינְט צוּ אַ גֶעוִויסֶע וֶועג פוּן אַלֶע יָארְן און דָאס הָאט מֶען צֶעשְׁטֶערְט, אָבֶער דֶער עִיקָר קֶען מֶען נִישְׁט שְׁטֶערְן; דִי שִׂמְחָה, דִי הִלּוּלָא פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי - אִיז דָא, עֶס אִיז אַזוֹי פְרֵיילִיךְ, אַזוֹי הֵיילִיג.

בְּעֶצֶם וָואלְט אִיךְ דָאךְ אִין אַ גֶעהֶערִיגֶע צַייט אוֹיךְ וֶוען גֶעזָאגְט תְּהִלִּים אִינְדְרוֹיסְן, מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט אַלֶע יָארְן קוּמֶען אוֹיף מִירוֹן לַ"ג בָּעֹמֶר, קֵיינְמָאל אִיז עֶר נִישְׁט אַרַיין אִין דִי מַעֲרָה, זִיךְ שְׁטוּפְּן; מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט שְׁטֵיין אִינְדְרוֹיסְן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, מִתְפַּלֵל זַיין; דָאס קֶען מֶען יֶעצְט אוֹיךְ טוּן.

יֶעצְט גֵיי אִיךְ דַאוֶוענֶען מִנְחָה מַעֲרִיב און מִיר גֵייעֶן צֵיילְן סְפִירָה 'לַ"ג בָּעֹמֶר' און זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי.

זַיי זִיךְ מְקַשֵּׁר מִיט רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי וואו דוּ בִּיסְט, נֶעם אַ גְמָרָא, אַ מִשְׁנַיוֹת, לֶערְן דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי, נֶעם אַ סֵפֶר הַזּוֹהַר און מַאךְ אַ שִׁיעוּר דֶערִין, און פּוֹעֵל אַלֶעס גוּטְס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### דִי תְּפִלָּה בַּיים צִיּוּן פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי אַז דִי תּוֹרָה זָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן וֶוערְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בְּהַר, י"ח אִיָּר, לַ"ג בָּעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן, פֹּה מִירוֹן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְט אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער טָאג, אַ הֵיילִיגֶע טָאג, מֶען קֶען פּוֹעֵלְ'ן גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת. דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען נִישְׁט זוֹכֶה צוּ זַיין אִין מִירוֹן בַּיי דִי הִלּוּלָא - קֶענֶען זִיךְ אוֹיךְ מְקַשֵּׁר זַיין מִיט רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי דוּרְךְ לֶערְנֶען תּוֹרָה פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי און מִתְפַּלֵל זַיין.

דָא אִין מִירוֹן אִיז פֵייעֶר אִין דִי לוּפְט, מֶען קֶען דָאס נִישְׁט זָאגְן פַּאר אֵיינֶער וָואס הָאט דָאס נָאכְנִישְׁט טוֹעֵם גֶעוֶועְן. דָא אִיז אַזוֹי לִיכְטִיג, צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער מֶענְטְשְׁן קוּמֶען זִיךְ פְרֵייעֶן, מֶענְטְשְׁן פוּן אַלֶע קְרֵייזְן טַאנְצְן אִינְאֵיינֶעם מִיט אַזַא אַחְדוּת.

נֶעכְטְן נַאכְט בִּין אִיךְ אַרוֹיף צוּ דִי מְעָרָה, דִי יָאר הָאט מֶען מְסַדֵר גֶעוֶועְן אַזוֹי וִוי מֶען מַאכְט דִי לֶעצְטִיגֶע יָארְן אִין אוּמַאן אַז יֶעדֶער אֵיינֶער זָאל קֶענֶען צוּקוּמֶען, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט אָפְּשְׁטֶעלְן, מֶען גֵייט אַרִיבֶּער אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ הַקְּדוֹשִׁים זָאגְן (רֹאשׁ הַשָּׁנָה טז.): "בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה כָּל בָּאֵי עוֹלָם עוֹבְרִין לְפָנָיו כִּבְנֵי מָרוֹן"; צַדִיקִים זָאגְן (עַיֵּין סֵפֶר שַׁעַר יִשָּׂשכָר מַאֲמָרֵי חוֹדֶשׁ אִיָּיר, מַאֲמָר גַּ"ל עֵינַי, אוֹת י"ח), רֹאשׁ הַשָּׁנָה גֵייעֶן מִיר אַרוֹיס זַכַּאי בַּדִין, בִּזְכוּת "כִּבְנֵי מָרוֹ"ן", דָא אִיז מְרוּמָז רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי, דָאס אִיז דֶער דֶער לָשׁוֹן: "כִּבְנֵי מָרוֹ"ן".

אַרוֹיסְגֵייעֶנְדִיג פוּן דִי מְעָרָה שְׁטֵייעֶן אִידְן, טוֹיזְנְטֶער אִידְן אוּן דַאוֶונֶען; אַבִּיסְל אַרוֹיפְצִיר טַאנְצְט מֶען. נֶעכְטְן נַאכְט בִּין אִיךְ אַרוֹיף טַאנְצְן, עֶס זֶענֶען זִיךְ צַאמְגֶעקוּמֶען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, מֶען הָאט גֶעטַאנְצְן אַזוֹי לֶעבֶּעדִיג, אַזוֹי פְרֵיילִיךְ, אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁפִּירְט בַּיים טַאנְצְן וָואס אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט גֶעשְׁפִּירְט, אַזַא שִׂמְחָה! מֶען קֶען דָאס נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין.

הַיינְט לַ"ג בָּעֹמֶר אִיז כְּדַאי צוּ לֶערְנֶען דִי הַקְדָמָה פוּן לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, "לְכוּ חֲזוּ מִפְעֲלוֹת ה'" אוּן זָאגְן דִי תְּפִלָּה פוּן רֶבִּי נָתָן אוֹיף דִי תּוֹרָה (לִקּוּטֵי תְּפִילּוֹת חֵלֶק ב', סִימָן מז).

"לְכוּ חֲזוּ מִפְעֲלוֹת ה', הִתְגַּלּוּת נִפְלָא מִסּוֹד גְּדֻלַּת הַתַּנָּא הָאֱלֹקִי רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי זַ"ל", דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט: "רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחַאי הִבְטִיחַ שֶׁלֹּא תִשְׁתַּכַּח תּוֹרָה מִיִּשְׂרָאֵל עַל יָדוֹ", רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי הָאט צוּגֶעזָאגְט אַז דוּרְךְ אִים וֶועט נִישְׁט פַארְגֶעסְן וֶוערְן דִי תּוֹרָה בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, "כַּמּוּבָא בְּדִבְרֵי רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה", אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט דוּרְךְ דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (שַׁבָּת קלח:), "כְּשֶׁנִּכְנְסוּ רַבּוֹתֵינוּ לַכֶּרֶם בְּיַבְנֶה, אָמְרוּ: עֲתִידָה תּוֹרָה שֶׁתִּשְׁתַּכַּח מִיִּשְׂרָאֵל", דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים הָאבְּן גֶעזָאגְט עֶס וֶועט קוּמֶען אַ צַייט וָואס דִי תּוֹרָה וֶועט חַס וְשָׁלוֹם פַארְגֶעסְן וֶוערְן בַּיי דִי אִידְן, דִי חֲכָמִים הָאבְּן גֶעזֶען דִי בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע

נִסְיוֹנוֹת וָואס וֶועט זַיין אִין גָּלוּת פַּאר מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, עֶס וֶועט זַיין אַזוֹי בִּיטֶער, בִּיז דִי תּוֹרָה וֶועט פַאַרְגֶעסְן וֶוערְן פוּן אוּנְז, "וְאָמַר רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחַאי שֶׁלֹּא תִּשְׁתַּכַּח", דָארְט אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי, הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַז דִי תּוֹרָה וֶועט נִישְׁט פַאַרְגֶעסְן וֶוערְן, "שֶׁנֶּאֱמַר", אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט: "כִּי לֹא תִשָּׁכַח מִפִּי זַרְעוֹ", רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי הָאט גֶעזָאגְט (זוֹהַר נָשֹׂא דַף קכד:) "בְּהַאי חִבּוּרָא דְּאִיהוּ סֵפֶר הַזֹּהַר יִפְקוּן בֵּהּ מִן גָּלוּתָא", מִיטְ'ן סֵפֶר הַזּוֹהַר וֶועלְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַרוֹיסְגֵיין פוּן גָּלוּת.

"וְעַתָּה בּוֹא וּרְאֵה וְהָבֵן נִפְלְאוֹת נִסְתָּרוֹת שֶׁל תּוֹרָתֵנוּ הַקְּדוֹשָׁה", יֶעצְט קוּם אוּן זֶע אוּן פַארְשְׁטֵיי דִי וואוּנְדֶער פוּן דִי סוֹדוֹת וָואס לִיגְט אִין דִי תּוֹרָה, "כִּי עַל כֵּן סָמַךְ רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחַאי עַצְמוֹ עַל זֶה הַפָּסוּק 'כִּי לֹא תִשָּׁכַח מִפִּי זַרְעוֹ'", דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי הָאט גֶעבְּרֶענְגְט אַ רַאְיָ' אַז דִי תּוֹרָה וֶועט נִישְׁט פַאַרְגֶעסְן וֶוערְן פוּנֶעם פָּסוּק כִּי לֹא תִשָּׁכַח מִפִּי זַרְעוֹ, "כִּי בֶּאֱמֶת בְּזֶה הַפָּסוּק בְּעַצְמוֹ מְרֻמָּז וְנִסְתָּר סוֹד הַזֶּה, שֶׁעַל יְדֵי זַרְעוֹ שֶׁל יוֹחַאי, שֶׁהוּא רַשְׁבִּ"י, עַל יָדוֹ לֹא תִּשְׁתַּכַּח הַתּוֹרָה מִיִּשְׂרָאֵל", וַוייל אִין דֶעם פָּסוּק לִיגְט בַּאהַאלְטְן דֶער סוֹד אַז דוּרְךְ דִי קִינְדֶער פוּן יוֹחָאִי - דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי, דוּרְךְ אִים וֶועט נִישְׁט זַיין שִׁכְחַת הַתּוֹרָה, "כִּי סוֹפֵי תֵּבוֹת שֶׁל זֶה הַפָּסוּק 'כִּי' לֹא' תִשָּׁכַח' מִפִּי' זַרְעוֹ' הֵם אוֹתִיּוֹת יוֹחַאי", וַוייל דִי סוֹפֵי תֵּיבוֹת פוּנֶעם פָּסוּק 'כִּי' לֹא' תִשָּׁכַח' מִפִּי' זַרְעוֹ' אִיז דִי אוֹתִיוֹת י וֹ חָ אִ י, "וְזֶה שֶׁמְּרַמֵּז וּמְגַלֶּה הַפָּסוּק", דָאס זָאגְט אוּנְז דֶער פָּסוּק, "'כִּי לֹא תִשָּׁכַח מִפִּי זַרְעוֹ' מִפִּי זַרְעוֹ דַּיְקָא", דִי תּוֹרָה וֶועט נִישְׁט פַאַרְגֶעסְן וֶוערְן פוּן דִי קִינְדֶער פוּן יוֹחָאִי, רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי, "הַיְנוּ מִפִּי זַרְעוֹ שֶׁל זֶה בְּעַצְמוֹ שֶׁהוּא מְרֻמָּז וְנִסְתָּר בְּזֶה הַפָּסוּק שֶׁהוּא הַתַּנָּא יוֹחַאי כִּי עַל יְדֵי זַרְעוֹ שֶׁל יוֹחַאי שֶׁמְּרֻמָּז בְּזֶה הַפָּסוּק בְּסוֹפֵי תֵּבוֹת כַּנַּ"ל, שֶׁהוּא רַשְׁבִּ"י, עַל יָדוֹ לֹא תִשָּׁכַח הַתּוֹרָה, כִּי בְּזֹהַר דָּא יִפְקוּן מִן גָּלוּתָא כַּנַּ"ל", דוּרְךְ רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי וָואס הָאט אוּנְז אַנְטְפְּלֶעקְט אִין זוֹהַר הַקּוֹדֶשׁ כִּי בְּזֹהַר דָּא יִפְקוּן מִן גָּלוּתָא, אַז מִיטְ'ן זוֹהַר וֶועט מֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן גָּלוּת - דוּרְךְ אִים וֶועט דִי תּוֹרָה נִישְׁט פַאַרְגֶעסְן וֶוערְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְ'ן וָואגְן מִיטְ'ן רֶבִּי'ן פָּארְנְדִיג פוּן בְּרֶסְלֶב קַיין אוּמַאן בִּשְׁעַת דֶער רֶבִּי הָאט מְגַלֶּה גֶעוֶוען דֶער זַאךְ, זָאגְט רֶבִּי נָתָן

פַאר'ן רֶבִּי'ן: "רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי הָאט זִיכֶער הַנָאָה פוּן דִי וואוּנְדֶערְלִיכֶע וֶוערְטֶער", זָאגְט דֶער רֶבִּי: "יָא, זִיכֶער", אוּן דֶער רֶבִּי זָאגְט וַוייטֶער:

"וְדַע שֶׁסּוֹד רַבִּי שִׁמְעוֹן בְּעַצְמוֹ הוּא מְרֻמָּז בְּפָסוּק אַחֵר", דֶער סוֹד פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי אַלֵיינְס אִיז מְרוּמָז אִין אַ צְוֵוייטֶע פָּסוּק, "כִּי דַע, כִּי הַתַּנָּא הַקָּדוֹשׁ רַבִּי שִׁמְעוֹן הוּא בְּחִינַת (דָּנִיֵּאל ד, י) עִיר וְקַדִּישׁ מִן שְׁמַיָּא נָחִית, רָאשֵׁי תֵּבוֹת שִׁמְעוֹן", וִויסְן זָאלְסְטוּ, דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי אִיז דִי גְרוֹיסֶע הֵיילִיגֶע לִיכְט וָואס אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען פוּן הִימְל, דָאס אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת שִׁמְעוֹ"ן, "וְעַכְשָׁו יֵשׁ נַחַל נוֹבֵעַ מְקוֹר חָכְמָה, שֶׁאֲפִלּוּ הָעִיר וְקַדִּישׁ מִן שְׁמַיָּא, גַּם כֵּן צָרִיךְ לְקַבֵּל מִשָּׁם", אָבֶער הַיינְט אִיז דָא אַ נַ'חַל נ'וֹבֵעַ מְ'קוֹר חָ'כְמָה, וָואס אֲפִילוּ דֶער עִ'יר וְ'קַדִּישׁ מִ'ן שְׁ'מַיָּא דַארְף אוֹיךְ מְקַבֵּל זַיין פוּן דָארְט.

אַבִּיסְל פַאר אוּנְז קְלֵיינֶע מֶענְטְשֶׁעלֶעךְ צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס אִיז דֶער גָלוּת; דָאס פַארְגֶעסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דָאס אִיז דֶער גָלוּת. וֶוען מֶען לֶערְנְט זוֹהַר זֶעט מֶען וָואס טוּט זִיךְ אוֹיבְן אִין הִימְל; ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ דֶער וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה, וָואס פַּאסִירְט וֶוען מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה, וֶוען מֶען טוּט מִצְוֹת. מִיטְ'ן לֶערְנֶען זוֹהַר גֵייט מֶען אַרוֹיס פוּן גָלוּת, עֶס וֶוערְט אַנְטְפְּלֶעקְט אִינֶעם גְרֶעסְטְן טוּנְקֶלְקֵייט - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

אָבֶער דָאס אַריינְצוּבְּרֶענְגֶען אִין אוּנְז פָּשׁוּטְ'ע מֶענְטְשְׁן דַארְף מֶען דֶעם רֶבִּי'ן, דֶעם נַ'חַל נ'וֹבֵעַ מְ'קוֹר חָ'כְמָה, אַז מִיר קְלֵיינֶע מֶענְטְשְׁן זָאלְן אוֹיךְ הָאבְּן אַ שַׁייכוּת מִיטְ'ן זוֹהַר, מִיט דִי אַלֶע גְרוֹיסֶע זַאכְן.

נָאכְן לֶערְנֶען דִי תּוֹרָה אִיז כְּדַאי צוּ נֶעמֶען אַ לִקּוּטֵי תְּפִילּוֹת אוּן זָאגְן דִי תְּפִלָּה פוּן רֶבִּי נָתָן אוֹיף דִי תּוֹרָה. מוֹהֲרַא"שׁ זָאגְט, וֶוען מֶען לֶערְנְט לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן אוּן מֶען זָאגְט אוֹיף דִי תּוֹרָה דִי תְּפִלָּה - שְׁפִּירְט מֶען טַעַם גַּן עֵדֶן:

"רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי, עִיר וְקַדִּישׁ מִן שְׁמַיָּא נָחִית, בּוֹצִינָא קַדִּישָׁא, בּוֹצִינָא עִלָּאָה, בּוֹצִינָא רַבָּא, בּוֹצִינָא יַקִּירָא, אַתֶּם הִבְטַחְתֶּם לְיִשְׂרָאֵל שֶׁלֹּא תִשְׁתַּכַּח הַתּוֹרָה מִיִּשְׂרָאֵל עַל־יְדֵיכֶם, כִּי בְּזוֹהַר דָּא יִפְקוּן מִן גָּלוּתָא, וַאֲפִלּוּ בְּתוֹקֶף הַהַסְתָּרָה שֶׁבְּתוֹךְ הַסְתָּרָה בְּעִקְּבוֹת מְשִׁיחָא בְּאַחֲרִית הַיָּמִים הָאֵלֶּה, הִבְטַחְתֶּם שֶׁאַף עַל פִּי כֵן לֹא תִשָּׁכַח הַתּוֹרָה מִפִּי זַרְעֵנוּ, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב, וְאָנֹכִי

הַסְתֵּר אַסְתִּיר פָּנַי בַּיּוֹם הַהוּא עַל כָּל אֲשֶׁר עָשָׂה וְעָנְתָה הַשִּׁירָה הַזֹּאת לְפָנָיו לְעֵד כִּי לֹא תִשָּׁכַח מִפִּי זַרְעוֹ.

וְהִנֵּה עַתָּה הִגִּיעוּ הַיָּמִים אֲשֶׁר אֵין לָנוּ בָּהֶם חֵפֶץ, כִּי אָרַךְ עָלֵינוּ הַגָּלוּת וּמָשַׁךְ עָלֵינוּ הַשִּׁעְבּוּד, וּבְכָל יוֹם אָנוּ הוֹלְכִים וְדַלִּים, וּמָטָה יָדֵינוּ מְאֹד, "כִּי אָזְלַת יָד וְאֶפֶס עָצוּר וְעָזוּב" כִּי נִשְׁאַרְנוּ כִּיתוֹמִים וְאֵין אָב, וְאֵין מִי יַעֲמוֹד בַּעֲדֵנוּ.

וְהִנֵּה בְּתוֹקֶף סוֹף הַגָּלוּת הַמַּר הַזֶּה, וּכְבָר הִתְחִיל לְהִתְנוֹצֵץ הִתְנוֹצְצוּת מָשִׁיחַ מִימֵי הָאֱלֹהִי הָאֲרִ"י זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה, וְעַמְּךָ בֵּית יִשְׂרָאֵל מִשְׁתּוֹקְקִים וּמִתְגַּעְגְּעִים מְאֹד לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וְהַכֹּל חֲפֵצִים לְיִרְאָה אֶת שְׁמֶךָ בְּהִשְׁתּוֹקְקוּת נִמְרָץ וְנִפְלָא, אֲשֶׁר לֹא הָיְתָה כָּזֹאת מִמֵּי קֶדֶם, "הֱקִיצוֹתִי וְעוֹדִי עִמָּךְ", בָּאתִי עַד קֵץ כָּל הַדּוֹרוֹת וְעוֹדִי עִמָּךְ, עֲדַיִן אָנוּ אֲחוּזִים בָּךְ, וּמִשְׁתּוֹקְקִים לַעֲבוֹדָתְךָ בִּכְלוֹת הַנֶּפֶשׁ. אֲבָל אַף עַל פִּי כֵן, גַּם גֹּדֶל רִחוּקֵנוּ מִמְּךָ בָּעִתִּים הַלָּלוּ הוּא גַּם כֵּן בְּלִי שִׁעוּר, כִּי טָבַעְנוּ בִּיוֵן מְצוּלָה וְאֵין מָעֳמָד בָּאנוּ בְמַעֲמַקֵּי מַיִם וְשִׁבּוֹלֶת שְׁטָפָתְנוּ. וּרְאֵה אֶת עַמְּךָ יִשְׂרָאֵל מְרוּדִים מְאֹד, אֲשֶׁר אִי־אֶפְשַׁר לְבָאֵר וּלְסַפֵּר גֹּדֶל הִתְגָּרוּת הַבַּעַל דָּבָר אֲשֶׁר הִתְגָּרָה בָּנוּ מְאֹד, עַד אֲשֶׁר הִפִּיל אוֹתָנוּ מְאֹד.

וְהִנֵּה אָנֹכִי בְּעָנְיִי מִי אָנֹכִי לְסַפֵּר צָרוֹת יִשְׂרָאֵל, רַק אַתֶּם לְבַד יְדַעְתֶּם אֶת כָּל הַמַּעֲמָד וּמַצָּב שֶׁל יִשְׂרָאֵל בְּאַחֲרִית הַיָּמִים הָאֵלֶּה. אַךְ בָּאתִי לְסַפֵּר וְלִצְעוֹק עָלַי וְעַל נַפְשִׁי, עַל עוֹצֶם רִחוּקִי מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וְעוֹצֶם פְּגָמַי וַעֲוֹנוֹתַי הָרַבִּים וּפְשָׁעַי הָעֲצוּמִים, וְעַל אֵלֶּה אֲנִי בוֹכִיָּה עֵינִי עֵינִי יוֹרְדָה מַיִם, כִּי אֵינִי יוֹדֵעַ שׁוּם דֶּרֶךְ אֵיךְ לְהַחֲזִיר לִי הַכֹּחַ דִּקְדֻשָּׁה, וְאֵיךְ לִזְכּוֹת לִתְשׁוּבָה שְׁלֵמָה, וּבְאֵיזֶה דֶּרֶךְ אַתְחִיל לַעֲזוֹב דַּרְכֵי הָרָע וּמַחְשְׁבוֹתַי הַמְּגֻנּוֹת, וְאֵיךְ וּבַמֶּה אֶזְכֶּה לְתַקֵּן קִלְקוּלִים וּפְגָמִים כָּאֵלֶּה. לֹא יָדַעְתָּ נַפְשִׁי אָנָה אֲנִי בָא, אָנָה אוֹלִיךְ אֶת חֶרְפָּתִי הָעֲצוּמָה, אָנָה אֶבְרַח, אָנָה אֶטָּמֵן מִפְּנֵי בָשְׁתִּי וּכְלִמָּתִי, וָאוֹמַר לֶהָרִים כַּסּוּנִי וְלַגְּבָעוֹת נִפְלוּ עָלַי. אוֹי מֶה הָיָה לִי, אוֹי מֶה הָיָה לִי, עַל כֵּן אָמַרְתִּי שְׁעוּ מֶנִּי אֲמָרֵר בַּבֶּכִי אוּלַי יָחוּס אוּלַי יְרַחֵם, כִּי אֵין מַעְצוֹר לַה' לְהוֹשִׁיעַ גַּם אוֹתִי בָּעֵת הַזֹּאת, כִּי הַרְבֵּה רֶוַח וְהַצָּלָה לְפָנָיו, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב, הֵן כֹּל תּוּכָל וְלֹא יִבָּצֵר מִמְּךָ מְזִמָּה. וּמִי יֹאמַר לְךָ מַה תַּעֲשֶׂה, עַל כֵּן בָּאתִי כְּעָנִי בַּפֶּתַח, רָשׁ דַּל וְאֶבְיוֹן, נָגוּעַ וּמְעֻנֶּה, מְבֻלְבָּל וּמְטוֹרָף, עָנִי וְכוֹאֵב, לִצְעוֹק וְלִזְעוֹק לִפְנֵי הַדְרַת קְדֻשַּׁתְכֶם.

רַבִּי רַבִּי, אָבִי אָבִי, רֶכֶב יִשְׂרָאֵל וּפָרָשָׁיו, נְהִירוּ דְבוּצִינָא דְאוֹרַיְיתָא, עוּרָה לָמָּה תִישַׁן, אֵיךְ תּוּכְלוּ לִסְבּוֹל צָרוֹת יִשְׂרָאֵל, קוּמוּ וְהִתְעוֹרְרוּ עִם כָּל הַצַּדִּיקֵי אֱמֶת לְהִסְתַּכֵּל וְלִרְאוֹת בִּמְרִירוּת צָרוֹת נַפְשֵׁנוּ, "הָקִיצוּ וְרַנְּנוּ שׁוֹכְנֵי עָפָר", קוּמוּ יְשֵׁנֵי מַכְפֵּל לְסַעֲדֵינוּ. צַדִּיקֵי יְסוֹדֵי עוֹלָם, קוּמוּ בְּעֶזְרָתֵנוּ בְּעֵת צָרָה הַזֹּאת, חוּסוּ וְחִמְלוּ עַל כָּל עֲדַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל, וּבְתוֹכָם עָלַי הַחוֹטֵא וְהַפָּגוּם הַמָּלֵא חֲטָאִים מִכַּף רֶגֶל וְעַד רֹאשׁ. אַתֶּם יְדַעְתֶּם אֶת כָּל הַתְּלָאָה אֲשֶׁר מְצָאָתְנוּ מִיּוֹם גָּלוּת הָאָרֶץ עַד הֵנָּה, כָּל מַה שֶּׁעָבַר עַל כְּלָל יִשְׂרָאֵל בִּכְלָלִיּוּת וּבִפְרָטִיּוּת, מַה שֶּׁעָבַר עַל כָּל אֶחָד וְאֶחָד, וּבִפְרַט מַה שֶּׁעָבַר עָלַי מִיּוֹם שֶׁנֶּאֶצְלָה[לוּ] וְנִבְרָאָה[אוּ] וְנוֹצְרוּ וְנַעֲשׂוּ נִשְׁמָתִי וְרוּחִי וְנַפְשִׁי וְגוּפִי, כָּל מַה שֶּׁעָבַר עָלַי בְּכָל גִּלְגּוּל וְגִלְגּוּל, וּבִפְרַט מַה שֶּׁעָבַר עָלַי בַּגּוּף הַזֶּה, כָּל מַה שֶּׁעָבַרְתִּי מֵעוֹדִי עַד הַיּוֹם הַזֶּה, מַה שֶּׁאֲנִי זוֹכֵר עֲדַיִן, וּמַה שֶּׁנִּשְׁכַּח מִמֶּנִּי הֲיַסְפִּיקוּ כָּל אֵילֵי נְבָיוֹת לְבָאֵר וּלְסַפֵּר אֶפֶס קָצֶה מֵהַפְּגָמִים שֶׁפָּגַמְתִּי בְּיוֹם אֶחָד כְּפִי מַה שֶּׁנּוֹגְעִים הַפְּגָמִים בְּמָקוֹם שֶׁנּוֹגְעִים כְּפִי שׁוֹרֶשׁ נִשְׁמָתִי, וּמִכָּל שֶׁכֵּן וְכָל שֶׁכֵּן מַה שֶּׁפָּגַמְתִּי בְּכָל הַיָּמִים שֶׁעָבְרוּ עָלַי מִיּוֹם הֱיוֹתִי עַד הַיּוֹם הַזֶּה (וּבִפְרַט וְכוּ'). מִי יוּכַל לְסַפֵּר, מִי יוּכַל לְשַׁעֵר, מָה אֲדַבֵּר, מָה אֶתְאוֹנֵן, מָה אוֹמַר, מָה אֲדַבֵּר, וּמָה אֶצְטַדָּק:

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, תֵּן בְּלֵב הַצַּדִּיק הַקָּדוֹשׁ וְהַנּוֹרָא הַזֶּה (אִם יִזְכֶּה לִהְיוֹת בְּאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל עַל קֶבֶר רַשְׁבִּ"י יֹאמַר: הַשּׁוֹכֵן פֹּה). וּבְלֵב כָּל הַצַּדִּיקִים אֲמִתִּיִּים, לְבַל יַסְתִּירוּ פְּנֵיהֶם מִמֶּנִּי, וְיַעַמְדוּ בַּעֲדִי לְמְלִיצֵי יוֹשֶׁר, לַהֲפוֹךְ בִּזְכוּתִי וּלְבַקֵּשׁ וְלִמְצוֹא בִּי נְקֻדּוֹת טוֹבוֹת, וְיַמְלִיצוּ טוֹב בַּעֲדִי שֶׁתְּקָרְבֵנִי אֵלֶיךָ בְּרַחֲמִים, וְתִתֵּן בִּי לֵב חָדָשׁ וְרוּחַ חֲדָשָׁה תִּתֵּן בְּקִרְבִּי, שֶׁאֶזְכֶּה לְהִתְעוֹרֵר מֵעַתָּה בֶּאֱמֶת לָשׁוּב אֵלֶיךָ בֶּאֱמֶת וּבְלֵב שָׁלֵם, אִי שָׁמַיִם הַפְגִּינוּ בַּעֲדִי, כָּל בַּעֲלֵי רַחֲמִים וְחֶמְלָה חִמְלוּ עָלַי, כָּל שׁוֹכְנֵי עָפָר הַעְתִּירוּ בְּעַד מוּטְבָּע בִּיוֵן מְצוּלָה וְאֵין מַעֲמָד כָּמוֹנִי:

רַבִּי רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאי, זִכְרוּ זֹאת וְתָשִׂימוּ עַל לֵב, שֶׁזָּכִינוּ בַּדּוֹרוֹת הַלָּלוּ לִשְׁמוֹעַ נִפְלָאוֹת נוֹרָאוֹת גְּדֻלַּתְכֶם. אֵיךְ מְרֻמָּז בַּתּוֹרָה שֶׁעַל יֶדְכֶם לֹא תִשָּׁכַח הַתּוֹרָה, כִּי הַפָּסוּק שֶׁהֲבֵאתֶם רְאָיָה מִמֶּנּוּ, שֶׁהוּא כִּי' לֹא' תִשָּׁכַח' מִפִּי' זַרְעוֹ', הוּא סוֹפֵי תֵּיבוֹת 'יוֹחָאִי', וְשִׁמְכֶם הַקָּדוֹשׁ בְּעַצְמוֹ מְרֻמָּז בַּפָּסוּק, עִ'יר וְ'קַדִּישׁ מִ'ן שְׁ'מַיָּא נָ'חִית, אֲשֶׁר אַתֶּם לְבַד יוֹדְעִים סוֹד דְּבָרִים הָאֵלֶּה, אַתֶּם לְבַד יוֹדְעִים גְּדֻלַּת הַהַבְטָחָה שֶׁהִבְטַחְתֶּם לְיִשְׂרָאֵל שֶׁהַתּוֹרָה לֹא תִשָּׁכַח מִיִּשְׂרָאֵל עַל־יֶדְכֶם,

וְאֵיךְ מֹשֶׁה רַבֵּנוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם נִבָּא עַל זֶה בְּתוֹרָתוֹ הַקְּדוֹשָׁה מִקּוֹדֶם.

עַל כֵּן בָּאתִי לְהַזְכִּיר, נָא רַבּוֹתַי הַקְּדוֹשִׁים, חִמְלוּ עָלַי וְאַל תִּסְתַּכְּלוּ עַל כָּל הָרַע שֶׁעָשִׂיתִי מֵעוֹדִי עַד הַיּוֹם הַזֶּה, בְּמַחֲשָׁבָה דִּבּוּר וּמַעֲשֶׂה, אֲשֶׁר הִמְרֵתִי אִמְרֵי אֵל וַעֲצַת עֶלְיוֹן נִאָצְתִּי, אַל תַּבִּיטוּ בְּמַעֲשַׂי הָרָעִים, וְאַל תַּעֲשׂוּ עִמִּי כַּחֲטָאַי, וְאַל אָקוּץ בְּעֵינֵיכֶם, עַל אֲשֶׁר זֶה כַּמָּה אֲשֶׁר מְעוֹרְרִים אוֹתִי בַּאֲלָפִים וּרְבָבוֹת רְמָזִים וְהִתְעוֹרְרוּת, וּבְכַמָּה מִינֵי עֵצוֹת נְכוֹנוֹת בְּכָל יוֹם וּבְכָל עֵת לְהִתְקָרֵב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וַאֲנִי בְּעֹצֶם קַשְׁיוּת עָרְפִּי קִלְקַלְתִּי וּפָגַמְתִּי בְּכָל זֶה, וְלֹא הִטֵּיתִי אָזְנַי וְלִבִּי לְכָל זֶה. חוּסוּ עָלַי וְאַל תָּשִׁיתוּ לֵב לְכָל זֶה, וְעַל יִחַר אַפְּכֶם בִּי חָלִילָה, רַק תְּחַשְּׁבוּ מַחֲשָׁבוֹת עוֹד מֵעַתָּה לְבַל אֶהְיֶה נִדָּחֶה מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וּמִכֶּם חָלִילָה, כִּי עֲדַיִן אֵין מַעְצוֹר לַה׳ לְהוֹשִׁיעַ גַּם בָּעֵת הַזֹּאת, כִּי אֵין לִי שׁוּם כֹּחַ עַתָּה אֶלָּא בְּפִי לְבַד. וְגַם זֶה מֵאִתּוֹ יִתְבָּרַךְ אֲשֶׁר לֹא עָזַב חַסְדּוֹ וַאֲמִתּוֹ מֵעִמִּי, וְנָתַן כֹּחַ לַיָּעֵף כָּמוֹנִי, לְדַבֵּר עַתָּה מְעַט דְּבָרִים הָאֵלֶּה, וְעַל־זֶה תָּמַכְתִּי יְתֵדוֹתַי, שֶׁתְּרַחֲמוּ עָלַי וְתַעֲשׂוּ אֵת אֲשֶׁר אֶזְכֶּה לָשׁוּב בֶּאֱמֶת לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ (וְלָבֹא לְאֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל מְהֵרָה בְּשָׁלוֹם, וּלְדַבֵּר כָּל זֶה וְיוֹתֵר מִזֶּה שָׁם עַל צִיּוּן שֶׁלָּכֶם הַקָּדוֹשׁ).

וַה׳ הַטּוֹב בְּרַחֲמָיו יִשְׁמַע תְּפִלַּתְכֶם וְיַעֲזוֹר וְיָגֵן וְיוֹשִׁיעַ אוֹתִי וְאֶת כָּל יִשְׂרָאֵל לְמַעַנְכֶם, וְיַחֲזִירֵנִי בִּתְשׁוּבָה שְׁלֵמָה לְפָנָיו מְהֵרָה, וִיאַחֲזֵנִי וְלֹא יַרְפֵּנִי, וְאַל יַעַזְבֵנִי וְאַל יִטְּשֵׁנִי בְּשׁוּם אֹפֶן, עַד שֶׁאֶזְכֶּה לָשׁוּב אֵלָיו בֶּאֱמֶת, וְלִהְיוֹת כִּרְצוֹנְךָ הַטּוֹב מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם, וּלְתַקֵּן בְּחַיַּי אֵת כָּל אֲשֶׁר פָּגַמְתִּי, בְּכֹחַ וּזְכוּת הַצַּדִּיקִים אֲמִתִּיִּים, אֲשֶׁר עֲלֵיהֶם לְבַד אֲנִי נִשְׁעָן לְסַדֵּר דִּבְרֵי אֵלֶּה לִפְנֵיהֶם וְלִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בַּעַל הָרַחֲמִים יוֹדֵעַ תַּעֲלוּמוֹת. "ה׳ יִגְמוֹר בַּעֲדִי ה׳ חַסְדְּךָ לְעוֹלָם מַעֲשֵׂי יָדֶיךָ אַל תֶּרֶף. הוֹצִיאָה מִמַּסְגֵּר נַפְשִׁי לְהוֹדוֹת אֶת שְׁמֶךָ בִּי יַכְתִּירוּ צַדִּיקִים כִּי תִגְמֹל עָלָי".

דָּא הָאסְטוּ דִי גֶעבֶּעט אוֹיף דִי תּוֹרָה אִין אִידִישׁ:

"הֵיילִיגֶער רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי, דוּ הָאסְט אוּנְז צוּגֶעזָאגְט אַז דוּרְךְ דִיר וֶועט נִישְׁט פַארְגֶעסְן וֶוערְן דִי תּוֹרָה, דוּרְךְ דַיין הֵיילִיגֶע זוֹהַר וֶועלְן מִיר אַרוֹיסְגֵיין פוּן גָּלוּת, אֲפִילוּ מִיר וֶועלְן זַיין אִין דִי וַוייטְסְטֶע פְּלֶעצֶער, הַסְתָּרָה שֶׁבְּתוֹךְ הַסְתָּרָה - וֶועט נִישְׁט פַארְגֶעסְן וֶוערְן דִי תּוֹרָה פוּן אוּנְז, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט: "וְאָנֹכִי הַסְתֵּר אַסְתִּיר פָּנַי בַּיּוֹם הַהוּא עַל כָּל אֲשֶׁר עָשָׂה וְעָנְתָה הַשִּׁירָה

הַזֹּאת לְפָנָיו לְעֵד כִּי לֹא תִשָּׁכַח מִפִּי זַרְעוֹ״.

וְהִנֵּה, יֶעצְט זֶענֶען מִיר אִין אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע צַייט, דִי גָלוּת צִיט זִיךְ שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג, יֶעדְן טָאג וָואס גֵייט פַארְבֵּיי וֶוערְן מִיר וַוייטֶער און וַוייטֶער, מִיר זֶענֶען אַזוֹי וִוי יְתוֹמִים, קֵיינֶער נֶעמְט זִיךְ נִישְׁט אָן פַאר אוּנְז.

פוּן אֵיין זַייט זֶעט מֶען אַ שְׁטַארְקֶע בֶּענְקְשַׁאפְט פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּ דִיר, פוּן דִי צַייטְן פוּן הֵיילִיגְן אֲרִיזַ״ל זֶעט מֶען אַ מִין בֶּענְקְשַׁאפְט פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּ דִיר, וָואס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אִין דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע צַייטְן, מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זֵייעֶר פַארְבֶּענְקְט צוּ דִיר, מֶענְטְשְׁן ווילְן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אִיז שְׁרֶעקְלִיךְ, מֶענְטְשְׁן פַאלְן אַוֶועק אָן אַ שִׁיעוּר, דִי נִסְיוֹנוֹת זֶענֶען אַזוֹי שְׁרֶעקְלִיךְ, אִידִישֶׁע קִינְדֶער פַאלְן אִין דִי עֶרְגְסְטֶע פְלֶעצֶער.

בֶּאֱמֶת בִּין אִיךְ נִישְׁט דֶער וָואס זָאל דִיר קוּמֶען דֶערְצֵיילְן וָואס גֵייט פָּאר אוֹיף דִי וֶועלְט, דוּ וֵוייסְט דָאס אַלֵיינְס, דוּ וֵוייסְט דֶעם מַצָּב הַדּוֹר, וִוי אִידִישֶׁע נְשָׁמוֹת פַאלְן נֶעבֶּעךְ, אִיךְ וִויל זִיךְ פָּשׁוּט אוֹיסְרֶעדְן מַיין אֵייגֶענֶע ווייטָאג, אִיךְ אַלֵיינְס בִּין נֶעבֶּעךְ אַזוֹי וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קוּק מַיינֶע עֲבֵירוֹת, וִוי אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין פּוֹגֵם זַיין, עַל אֵלֶּה אֲנִי בוֹכִיָּ׳, אִיךְ וֵויין צוּ דִיר, אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ אַ פַארְלוֹירֶענֶער, אִיךְ זֶע נִישְׁט קַיין וֶועג וִוי אַזוֹי אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ פַארְרֶעכְטְן? וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ אָפְּלָאזְן מַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע וֶועגְן? וואוּ קֶען אִיךְ זִיךְ פַארְשְׁטֶעקְן פַאר בּוּשָׁה וֶוען אִיךְ דֶערְמַאן זִיךְ וָואס אִיךְ הָאבּ אַלְץ גֶעטוּן? וֵויי אִיז מִיר, וָואס טוּ אִיךְ דָא וַוייטֶער? אִיךְ וֵוייס אָבֶּער אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען יֶעדְן אֵיינֶעם הֶעלְפְן, דֶערִיבֶּער קוּם אִיךְ צוּ דִיר הֵיילִיגֶער רֶבִּי שִׁמְעוֹן וִוי אַן אָרֶעמַאן וָואס בֶּעט זִיךְ מֶען זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים.

הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי, וִוי אַזוֹי קֶענְסְטוּ אוֹיסְהַאלְטְן דִי צָרוֹת פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער; וֶועק זִיךְ אוֹיף און וֶועק אוֹיף אַלֶע צַדִּיקִים, און קוּקְט וָואס גֵייט פָּאר מִיט כְּלַל יִשְׂרָאֵל און אוֹיף מִיר זִינְדִיגֶער מֶענְטְשׁ, הֵיילִיגֶער רֶבִּי שִׁמְעוֹן, דוּ וֵוייסְט דָאךְ וָואס אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען אַלְץ אַרִיבֶּער פוּן אָנְהוֹיבּ גָלוּת בִּיז יֶעצְט, וָואס אִיז אַלְץ אַרִיבֶּער אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם

בִּכְלָלִיּוּת וּבִפְרָטִיּוּת, וּבִפְרַט אוֹיף מִיר, וָואס אִיז אַלְץ אַרִיבֶּער אוֹיף מִיר פוּן וֶוען אִיךְ בִּין גֶעבּוֹירְן אוּן פוּן וֶוען מַיין נְשָׁמָה, רוּחַ וָנֶפֶשׁ, אוּן אַלֶע מַיינֶע גִּלְגּוּלִים זֶענֶען בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן, בִּפְרַט פוּן דֶעם גִּלְגּוּל, וָואס אִיךְ הָאבּ אַלְץ עוֹבֵר גֶעוֶועןְ; וָואס זָאל אִיךְ זָאגְן, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ פַארְטֵיידִיגְן?

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, גֶעבּ אַרַיין אִין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי, אִין זַיין הַארְץ, אַ ווִילְן מִיר צוּ הֶעלְפְן, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, לֵייג אַרַיין אִין דִי הֶערְצֶער פוּן אַלֶע אֱמֶתְ׳עֶ צַדִּיקִים זֵיי זָאלְן זִיךְ נִישְׁט בַּאהַאלְטְן פוּן מִיר, זֵיי זָאלְן זִיךְ אָנְנֶעמֶען פַאר מִיר, זֵיי זָאלְן טְרֶעפְן אִין מִיר גוּטֶע זַאכְן, זֵיי זָאלְן מִיךְ בְּרֶענְגֶען נָאנְט צוּ דִיר, אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין אַלֶעס צוּ פַארְרֶעכְטְן, אִיךְ זָאל שׁוֹין תְּשׁוּבָה טוּן בֶּאֱמֶת וּבְלֵב שָׁלֵם.

הֵיילִיגֶער רֶבִּי שִׁמְעוֹן, דוּ הָאסְט דָאךְ אוּנְז צוּגֶעזָאגְט אַז דוּרְךְ דִיר וֶועט דִי תּוֹרָה נִישְׁט פַארְגֶעסְן וֶוערְן, בֶּעט אִיךְ דִיר, הָאבּ אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת, דֶערְבַּארֶעם זִיךְ אוֹיף מִיר, קוּק נִישְׁט שְׁלֶעכְט אוֹיף מִיר, אוֹיף אַלֶע שְׁלֶעכְטְס וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן בִּיז אַהֶער, אִיךְ וֵוייס אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט גֶערֶעכְט, וַוייל אִיךְ הָאבּ אַזוֹיפִיל עֵצוֹת אוּן וֶועגְן וִוי אַזוֹי צוּ זַיין עֶרְלִיךְ, אוּן דָאךְ גֵיי אִיךְ ווַייטֶער דֶערְצֶערְעֶנֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הֵיילִיגֶער רֶבִּי שִׁמְעוֹן קוּק נִישְׁט אוֹיף דֶעם, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר, הֶעלְף מִיר, אִיךְ הָאבּ נָאר אֵיין וֶועג צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּרְךְ תְּפִלָּה; זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ, (אַז אִיךְ וֶועל זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן זַיין בַּיי דַיין צִיּוּן וֶועל אִיךְ דִיר דָאס אַלֶעס דֶערְצֵיילְן, אִיךְ וֶועל זִיךְ קֶענֶען אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיט דִיר), אִין דִי זְכוּת פוּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים זָאל אִיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ קֶענֶען פַארְרֶעכְטְן אַלֶעס, אָמֵן״.

אִיךְ דַארְף מְקַצֵּר זַיין, אִיךְ ווִיל עֶנְדִיגְן סֵפֶר הַזּוֹהַר אוּן דָאס הַיינְט מְסַיֵּים זַיין.

זַיי גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס בֶּענְקְט זִיךְ נָאךְ דִיר.

יוֹאֵל בֶּן רַייצָא רֶעכִיל

...

## אַ קְלֵיינְטְשִׁיגֶע תּוֹרָה, וָואס מַאכְט דֶעם מֶענְטְשׁ פַאר אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת בְּהַר, י"ח אִיָּר, לַ"ג בָּעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן, פֹּה מִירוֹן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען בְּשָׁלוֹם קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. אִין עֶרְפָּארְט הָאט מִיר אָפְּגֶעוַוארְט הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר מִיט דִי נַייעֶ מַעֲשֶׂה בִּיכְל "מַעֲשֶׂה'לֶעךְ פַאר קִינְדֶערְלֶעךְ"; אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַזוֹי גֶעפְרֵייט, אוֹיךְ הָאט עֶר מִיר בַּאוִויזְן סֵפֶר אִישׁ אֱמוּנוֹת חֵלֶק א', דָאס אִיז אַזוֹי שֵׁיין, אִיךְ בִּין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ.

אִיךְ וואוּנְדֶער זִיךְ אוֹיף זֵייעֶר בְּרֶען צוּם רֶבִּי'ן, זֵיי הָאבְּן אַלֶעס אַוֶועקְגֶעגֶעבְּן פַארְ'ן רֶבִּי'ן; עֶר מִיט זַיין וַוייבּ אַרְבֶּעטְן טָאג אוּן נַאכְט מְתַּרְגֵּם זַיין דִי בְּרִיוו, דִי גִּלְיוֹנוֹת, דָאס דְרוּקְן אוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן, אוֹיךְ דִי חֵדֶר אִיז בַּיי זֵיי אִין דִי דִירָה.

אִיךְ שִׁיק דִיר דָא אַ שְׁטִיקֶעלֶע חִדּוּשֵׁי תּוֹרָה וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר מְזַכֶּה גֶעוֶוען הַיינְט פַארְטָאגְס לֶערְנֶענְדִיג תִּיקוּנִים בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן אִין מִירוֹן.

רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי זָאגְט (תִּיקּוּן כא, דַף מז:): "וּמַה דַּהֲוָה סְגוּלָּה לְעֵילָּא כְּגַוְונָא דָא . ֙ . כַּד נָחְתָא לְגַבֵּי צַדִּיק אִתְעֲבִידַת סֶגוֹ"ל כְּגַוְונָא דָא ֙ . "; דָאס קֶען מֶען פַארְשְׁטֵיין מִיט דִי הַקְדָּמָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן רעט): "דַּע, שֶׁיֵּשׁ שֶׁאוֹמְרִים תּוֹרָה מִלְּמַטָּה לְמַעְלָה, וְהִיא מִלְּמַטָּה רְחָבָה מְאֹד, שֶׁלְּמַטָּה מַרְחִיבִין הַדָּבָר וּמַגְדִּילִין אוֹתוֹ מְאֹד", עֶס אִיז דָא וָואס זָאגְן תּוֹרָה, אוּנְטְן אִיז דָאס אַ בְּרֵייטֶע תּוֹרָה, זֵייעֶר אַ בְּרֵייטֶע, "וּלְמַעְלָה הוּא קָצָר" ∆; דָאס הֵייסְט מֶען רֶעדְט גְרוֹיסֶע זַאכְן, מֶען פַארְלַאנְגְט אַסַאךְ, עֶס זֶעט אוֹיס זֵייעֶר בְּרֵייט, "וּלְמַעְלָה הוּא קָצָר, וְהוֹלֵךְ וּמְקַצֵּר וְעוֹלֶה, עַד שֶׁלְּמַעְלָה מַעְלָה הוּא קָצָר מְאֹד מְאֹד", אָבֶּער אוֹיבְּן וֶוערְט דִי תּוֹרָה קְלֶענֶער אוּן קְלֶענֶער, בִּיז עֶס וֶוערְט מַמָּשׁ קְלֵיין, "כִּי לְמַעְלָה לֹא נִשְׁאָר מִמֶּנָּה כְּלוּם", אוֹיבְּן בְּלַייבְּט כִּמְעַט גָארְנִישְׁט פוּן דִי תּוֹרָה, "רַק מְעַט מְעַט, כִּי בְּוַדַּאי יֵשׁ שָׁם אֵיזֶה נִיצוֹץ הַקָּדוֹשׁ", עֶפֶּעס אַ פִּינְטֶעלֶע בְּלַייבְּט.

מוֹהֲרָא"שׁ גֶעבְּט אוּנְז צוּ פַארְשְׁטֵיין דִי וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי'ן, עֶס זֶענֶען דָא וָואס זָאגְן דְרָשׁוֹת אוּן תּוֹרוֹת, עֶס זֶעט אוֹיס זֵייעֶר בְּרֵייט, עֶס זֶעט אוֹיס זֵייעֶר גְרוֹיס, אָבֶּער וָואס קוּמְט אַרוֹיס פוּן דִי תּוֹרָה? וָואס נֶעמְט מֶען אַרוֹיס פוּן דִי דְרָשָׁה? גָארְנִישְׁט! דֶערִיבֶּער זֶעט דָאס אוֹיס אַזוֹי: Δ בְּרֵייט פוּן אוּנְטְן, אוּן אוֹיבְן בְּלַייבְּט גָארְנִישְׁט. "אֲבָל יֵשׁ לְהֶפֶךְ, שֶׁאוֹמְרִים תּוֹרָה מִלְּמַעְלָה לְמַטָּה" ∇, עֶס זֶענֶען דָאס וָואס זָאגְן תּוֹרָה פוּן אוֹיבְן צוּ אוּנְטְן, "וְשָׁם לְמַעְלָה הִיא רְחָבָה מְאֹד מְאֹד", אוֹיבְן אִיז דָאס אַ בְּרֵייטֶע תּוֹרָה, "וְכָל מַה שֶּׁיּוֹרֶדֶת לְמַטָּה מִתְקַצֶּרֶת וְיוֹרֶדֶת, עַד שֶׁלְּמַטָּה הִיא קְצָרָה מְאֹד, וְהִיא רַק מְעַט מְעַט לְמַטָּה", ווִי מֶער עֶס קוּמְט אַרָאפּ דָא אוּנְטְן וֶוערְט דָאס קְלֶענֶער אוּן קְלֶענֶער, "אֲבָל לְמַעְלָה הִיא רְחָבָה מְאֹד", אָבֶּער אוֹיבְן אִיז דָאס זֵייעֶר גְרוֹיס.

מוֹהֲרָא"שׁ אִיז מַסְבִּיר, עֶס אִיז דָא צַדִּיקִים וָואס זָאגְן תּוֹרָה, אוּנְטְן זֶעט דָאס אוֹיס זֵייעֶר קְלֵיינְטְשִׁיג, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין בְּרֵייטֶע תּוֹרָה, אָבֶּער וֶוען מֶען גֵייט אַוֶועק פוּן אַזַא דְרָשָׁה וֶוערְט מֶען אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק, אוֹיבְן אִין הִימְל וֶוערְט עֶס בְּרֵייט, דֶער צַדִּיק זָאגְט אַז קְלֵיינֶע תּוֹרָה, עֶר זָאגְט אוּנְז מִיר זָאלְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר זָאלְן לֶערְנֶען תּוֹרָה אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, עֶס זֶעט אוֹיס ווִי אַ פִּינְטֶעלֶע, ווִי אַ קְלֵיינֶע דְרָשָׁה, אַ גָארְנִישְׁט, אָבֶּער עֶס וֶוערְט בְּרֵייט, מֶען וֶוערְט אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק.

דָאס קֶען זַיין, רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי זָאגְט: "כַּד נָחְתָא לְגַבֵּי צַדִּיק אִתְעֲבִידַת סֶגוֹ"ל כְּגַוְונָא דָא ˙ . ˙ ", דֶער צַדִּיק לֶערְנְט אוֹיס "טוּ קְלֵיינֶע פִּינְטֶעלֶעךְ, טוּ קְלֵיינֶע זַאכְן", אוֹיבְן אִיז עֶס נִישְׁט קְלֵיין, נָאר דָא אִיז עֶס קְלֵיין, אַזוֹי אוֹיךְ, "הוֹיבּ אָן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אֲפִילוּ דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין טַעַם, קַיין הֶרְגֵשׁ", שְׁפֶּעטֶער וֶועט וֶוערְן בְּרֵייטֶער; וְהָבֵן לְמַעֲשֶׂה.

...

**עֶס לוּינְט צוּ קוּמֶען לַ״ג בָּעֹמֶר צוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת בְּהַר, י״ח אִיָּר, לַ״ג בָּעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן, פֹּה מִירוֹן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער זוּן ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

אַ גְרוּיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְ'ן נֶעמֶען ...., ... אוּן ... - אִיךְ זָאל קֶענֶען פָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל מִיט מַאמִי. גֶעוֶועגְלִיךְ פָאר אִיךְ אַלֵיינְס, מַאמִי קוּמְט נִישְׁט מִיט וַוייל עֶס אִיז שְׁוֶוער צוּ צֶעטֵיילְן דִי קִינְדֶער, אָבֶער דָאס מָאל הָאט מַאמִי יָא גֶעוָואלְט קוּמֶען צוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי פּוֹעֵלְ'ן יְשׁוּעוֹת.

אִיךְ הָאבּ מִיט גֶענוּמֶען שִׁמְעוֹן נֵרוֹ יָאִיר, אִיךְ הָאבּ אִים שׁוֹין פוּן לַאנְג צוּגֶעזָאגְט אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט מְסַיֵּים זַיין שַׁ״ס וֶועל אִיךְ אִים נֶעמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, עֶר הָאט שׁוֹין גֶעוָואלְט קוּמֶען פָארִיגֶע נְסִיעָה בַּיי דִי הֲקָמַת הַמַּצֵּבָה פוּן זֵיידֶע זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזָאגְט אַז עֶס לוּינְט זִיךְ צוּ וַוארְטְן צוּ קֶענֶען קוּמֶען לַ״ג בָּעֹמֶר צוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי.

דִיר זָאג אִיךְ דָאס זֶעלְבֶּע, עֶס לוּינְט צוּ קוּמֶען לַ״ג בָּעֹמֶר צוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי, אוּן אַז מֶען קוּמְט אֵיין מָאל, מֶען אִיז דָאס טוֹעֵם - קוּמְט מֶען שׁוֹין יֶעדֶע יָאר. מוֹהֲרָא״ש פְלֶעגְט דָאס זָאגְן, וֶוער עֶס קוּמְט אֵיין מָאל קַיין מִירוֹן צוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי לַ״ג בָּעֹמֶר - דֶער קוּמְט שׁוֹין יֶעדֶעס יָאר.

קוּמֶענְדִיגֶע יָאר הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה זָאלְסְטוּ קוּמֶען מִיט דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ׳, מִיט דַיין נַחְמָן נָתָן, אִים אָפְּשֶׁערְן בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי.

...

**אַז מֶען אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד קוּמְט אַרוּיס דָאס שְׁלֶעכְטְס אוּן מֶען וֶוערְט רֵיין**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת בְּהַר, י״ט אִיָּר, ל״ד בָּעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אַמֶערִיקֶע, ה׳ עֲלֵיהֶם יִחְיוּ**

בְּדֶרֶךְ כְּלָל שְׁרַייבּ אִיךְ אַ בְּרִיוו עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַאר דִי שׁוּלְ'ן אִין אֶרֶץ

יִשְׂרָאֵל, זֵיי לֵיינֶען דָאס פָּאר בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת, אִיךְ שְׁרַייבּ נִישְׁט פַּאר דִי שׁוּלְ'ן אִין אַמֶּערִיקֶע, וַוייל תַּעֲנוּג תְּמִידִי אֵינוֹ תַּעֲנוּג; דִי אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל'דִיגֶע פְרֵייעֶן זִיךְ צוּ הֶערְן אַז עֶס אִיז דָא אַ בְּרִיוו, זֵיי הֶערְן זִיךְ גוּט צוּ.

יֶעצְט וֶוען אִיךְ גֶעפִינֶען זִיךְ אִין מִירוֹן בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי, ווילְט אִיר הֶערְן וָואס טוּט זִיךְ, וָואס זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה, אִיר לֵיינְט יֶעדֶע בְּרִיוו מִיט דוּרְשְׁט; וֶועל אִיךְ אַייךְ שְׁרַייבְּן אַפָּאר וֶוערְטֶער.

מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט אִין דִי הֵיילִיגֶע צַייט פוּן לַ״ג בָּעֹמֶר, דִי גַאנְצֶע וֶועלְט פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דִי הִלּוּלָא פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי; דַארְפְן מִיר חַזֶר'ן וָואס מוֹהֲרַ״א״שׁ זָאגְט אוּנְז, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי זָאגְט אִין דִי אִדְּרָא (זוֹהַר נָשֹׂא, קכח.): "אֲנָן בַּחֲבִיבוּתָא תַּלְיָיא מִלְּתָא", אוּנְזֶער זַאךְ אִיז זַיין בְּאַחְדוּת, זִיךְ לִיבּ הָאבְּן; מוֹהֲרַ״א״שׁ זָאגְט, רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי הָאט מְגַלֶּה גֶעוֶוען אַזֶעלְכֶע סוֹדוֹת הַתּוֹרָה בִּזְכוּת הָאַחְדוּת, אוּן אַז מִיר וֶועלְן זִיךְ לִיבּ הָאבְּן וֶועלְן מִיר אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ גְרוֹיסֶע זַאכְן.

צוּ דֶעם קֶען מֶען נָאר זוֹכֶה זַיין אַז מֶען פָּאלְגְט דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת פוּן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, וַוייל יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט אִין זִיךְ בְּלוּט וָואס אִיז נִישְׁט אוֹיסְגֶעאֵיידְלְט, עֶס אִיז פוּל מִיט שְׁלֶעכְטְס, דָאס בְּרֶענְגְט קִנְאָה, שִׂנְאָה, רְצִיחָה אוּן מַחֲלֹקֶת - הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, דִי בְּלוּט דַארְף מֶען אוֹיסְאַרְבֶּעטְן דוּרְךְ תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת אוּן לִימּוּד הַתּוֹרָה.

אַז מֶען אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד - קוּמְט אַרוֹיס דִי שְׁלֶעכְטְס, בִּיז מֶען וֶוערְט רֵיין. מֶען דַארְף שׁוֹין גָארְנִישְׁט, מֶען ווִיל שׁוֹין גָארְנִישְׁט - נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

טֵייעֶרֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, דָא אִין מִירוֹן בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע פְרֵייד, מֶען שְׁפִּירְט אַ מוֹרָא'דִיגֶע שִׂמְחָה אוּן אַחְדוּת, לַ״ג בָּעֹמֶר טַאנְצְט מֶען דָא, אַלֶע סָארְט אִידְן טַאנְצְן שָׁעוֹת אוֹיף שָׁעוֹת אִינְאֵיינֶעם, אַ זַאךְ וָואס מֶען זֶעט נִישְׁט עֶרְגֶעץ אַנְדֶערְשׁ, בִּפְרַט דִי יָאר אִיז גֶעוֶוען אַן אוֹיסְנַאם פוּן שִׂמְחָה, נָאכְדֶעם וָואס מֶען אִיז גֶעוֶוען דֶערְשְׁרָאקְן אַז מֶען גֵייט נִישְׁט קֶענֶען קוּמֶען; דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין דָא הָאבְּן זִיךְ אַזוֹי מְאַחֵד גֶעוֶוען, מִיט אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה.

דַארְפְן מִיר זִיךְ פָארְנֶעמֶען אִין אַזַא הֵיילִיגֶע צַייט צוּ לֶעבְן בְּשָׁלוֹם אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֵוייטְן, אוּן אַז מֶען שְׁפִּירְט מֶען קֶען נִישְׁט לַיידְן אַ צְוֵוייטְן - דַארְף מֶען גֵיין שְׁרֵייעֶן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְן שֵׂכֶל, עֶס זָאל מִיר נִישְׁט אִינְטֶעֶרעסִירְן גָארְנִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט אוֹיסֶער דִיר, אִיךְ זָאל נִישְׁט נֶערְוֶועז וֶוערְן פוּן אַ צְוֵוייטְן, אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין פוּן אַ צְוֵוייטְן, אִיךְ זָאל זֶען נָאר גוּטְס בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער".

נָאךְ אַ זַאךְ אִיז דָא וָואס אֵיידְלְט אוֹיס דִי בְּלוּט - לִימוּד הַתּוֹרָה; דָאס לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת אוּן גְמָרָא. ווִי מֶער פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת מֶען לֶערְנְט, וִוי מֶער בְּלֶעטֶער גְמָרָא מֶען זָאגְט - אַלְץ מֶער וֶוערְט מֶען מְיֻשָּׁב, מֶען הוֹיבְּט אָן זֶען וָואס אִיז תַּכְלִית, מֶען הָאט פְּלַאץ אִין הַארְץ פַאר אַנְדֶערֶע, מֶען קֶען לֶעבְן בְּשָׁלוֹם מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם.

שַׁבָּת בִּין אִיךְ אִין מִירוֹן, נָאךְ שַׁבָּת וֶועל אִיךְ זַיין אִין יַבְנְאֵל בַּיי מוֹהֲרָא"ש אוּן זוּנְטָאג נַאכְט וֶועל אִיךְ זַיין אִין יְרוּשָׁלַיִם, אִיךְ ווִיל זַיין אַ טָאג מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. זֵיי זֶענֶען נָאכְנִישְׁט אַלְט, זֵיי זֶענֶען פְרִישׁ, אִיךְ הָאף זֵיי וֶועלְן בְּלַייבְּן פְרִישׁ; זֵייעֶר קָאפּ טְרַאכְט נִישְׁט פוּן זִיךְ בַּאקְוֶועם מַאכְן, זֵיי טְרַאכְטְן פוּן הֲפָצָה; 'נָאךְ אַ אִיד זָאל ווִיסְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת'.

אִיךְ קֶען נִישְׁט גֵיין צְווִישְׁן מֶענְטְשְׁן וַוייל וואוּ אִיךְ גֵיי אוּן שְׁטֵיי קוּמֶען מֶענְטְשְׁן זָאגְן ווִי זֵייעֶר לֶעבְּן הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן פוּנְדָאסְנֵיי זַייט זֵיי הֶערְן דִי זִיסֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן אוּן דוּרְךְ דִי בְּרִיוו וָואס זֵיי לֵיינֶען.

מִיר דַארְפְן צוּרִיק פְרִישׁ וֶוערְן.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

### אַלֶעס גֵייט אַרוֹיף, דִי כּוֹלֵל גֶעלְט דַארְף אוֹיךְ אַרוֹיפְגֵיין

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בְּחוּקוֹתַי, כ"א אִיָּיר, ל"ו לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן, פֹּה מִירוֹן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַ גְרוּס פוּן מִירוֹן, דַיין זוּן ... נֵרוֹ יָאִיר אִיז דָא מִיט מִיר, מִיר הָאבְּן גֶעהַאט אַ הֶערְלִיכֶע יוֹם טוֹב לַ"ג בָּעֹמֶר, אוּן אַ הֶערְלִיכֶע שַׁבָּת; וֶועסְט שׁוֹין הֶערְן פוּן דַיין זוּן וְוִי שֵׁיין דָא אִיז גֶעוֶוען.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, הֶעלְף מִיר בַּאצָאלְן דִי כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט. דִי אִינְגֶעלַייט לֶערְנֶען מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַתְמָדָה, מֶען הֶערְט כְּסֵדֶר גְרוּסְן, וֶוער עֶס פַאלְט אַרַיין אִינְמִיטְן טָאג אִין שׁוּל - וֶוערְט זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן זֵייעֶר הַתְמָדָה.

דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר, זַיי מַמְשִׁיךְ שְׁטֶערְקֶער אוּן מֶערֶער, אִיךְ וְויל זֵיי צָאלְן מֶער וְוִי צְוֵויי הוּנְדֶערְט אוּן פוּפְצִיג דָאלֶער אַ וָואךְ. אַלֶעס אִיז אַרוֹיף, פְּרַייזְן גֵייעֶן אַרוֹיף הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער, אוֹיסֶער דִי גֶעהַאלְט פַאר כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט. הַלְוַואי וָואלְסְטוּ מִיר גֶעהָאלְפְן אִיךְ זָאל זֵיי קֶענֶען צָאלְן מֶער וְוִי טוֹיזְנְט דָאלֶער אַ חוֹדֶשׁ.

מֶענְטְשְׁן וַוארְטְן מִיט צְדָקָה, מֶענְטְשְׁן ווילְן גֶעבְּן צְדָקָה; מֶענְטְשְׁן זוּכְן זְכוּתִים, מֶען וְויל הֶעלְפְן; עֶס דַארְף נָאר זַיין אֵיינֶער זָאל אַרוּמְגֵיין צַאמְנֶעמֶען. דַארְפְסְט נִישְׁט טְרַאכְטְן אַזוֹיפִיל מָאל פַאר דוּ בֶּעטְסְט צְדָקָה, אַ שָׁאד זִיךְ פַּיינִיגְן; דִי אַלֶע ווילְן דִיר גֶעבְן, זֵיי שֶׁעמֶען זִיךְ צוּצוּגֵיין, זֵיי וַוארְטְן דוּ זָאלְסְט זֵיי בֶּעטְן, דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז אַז דוּ שֶׁעמְסְט אוֹיךְ, אוּן דָאס טָאר נִישְׁט זַיין פַארְשֶׁעמְט.

...

**לֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת פַאר עֶנְקֶער נְשָׁמָה**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – א׳ פַּרְשַׁת בְּחוּקוֹתַי (בַּמִּדְבָּר בא״י), כ״ב אִיָר, ל״ז לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פָאר אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם מָארְגְן צוּרִיק קַיין אַמֶעריקֶע, אִיךְ בֶּענְק זִיךְ שׁוֹין נָאךְ דִיר, אִיךְ הָאף דוּ שְׁטַארְקֶסְט זִיךְ, דוּ גֵייסְט אָן מִיט דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם.

דָא אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הָאט מֶען שׁוֹין דִי וָואךְ גֶעזָאגְט: ״חֲזַק, חֲזַק!״ אִין אַמֶעריקֶע גֵייט מֶען דִי וָואךְ עֶנְדִיגְן סֵפֶר וַיִּקְרָא; זֶע דוּ אוֹיךְ שׁוֹין הַיינְט אָנְהוֹיבְּן דִי פַּרְשָׁה, שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם. מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט, אַ וָואךְ וָואס מֶען אִיז מַעֲבִיר סֶדְרָה הָאט מֶען הַצְלָחָה, אוּן אַ וָואךְ וָואס מֶען אִיז נִישְׁט מַעֲבִיר סֶדְרָה – הָאט מֶען אַ שָׁאדְן. עֶס אִיז נִישְׁט כְּדַאי דָאס צוּ פְּרוּבִּירְן, אוֹיסְלָאזְן אֲפִילוּ אֵיין וָואךְ אָן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין.

מִשְׁנַיוֹת וֶועט דִיךְ רֵיינִיגְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, מִשְׁנַיוֹת רֵיינִיגְט פוּן טוּמְאָה וְזֻהֲמָה. לְכָל הַפָּחוֹת זָאג אֵיין פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת אוּן אַ בְּלַאט גְמָרָא יֶעדְן טָאג.

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ בְּרֶסְלֶבֶ׳עֶר חָסִיד, עֶר הָאט צַוָואָה גֶעלָאזְט זַיינֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת פַאר זֵייעֶר נְשָׁמָה: ״אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעלֶערְנְט גֶענוּג פַאר מִיר, פַאר מַיין נְשָׁמָה, אִיר דַארְפְט נִישְׁט לֶערְנֶען פַאר מִיר, לֶערְנְט פַאר עֶנְקֶער נְשָׁמָה״.

ווָאוֹיל אִיז דֶעם וָואס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן בְּזֶה הָעוֹלָם.

...

**ווָאוּ אִיז דִי פְרֵיילִיכְסְטֶע פְּלַאץ? דָא!**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בְּחוּקוֹתַי, כ״ד אִיָר, ל״ט לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ב

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דַארְפְסְט נִישְׁט קוּמֶען שָׁבוּעוֹת אִין שְׁטֶעטְל, מַאךְ נִישְׁט דִי זַאכְן; בְּלַייבּ דָא, מַאךְ אַ שֵׁיינֶע יוֹם טוֹב.

דֶער רֶבִּי גֶעפוּנְט זִיךְ דָארְט וואוּ מֶען רֶעדְט פוּן אִים. יֶעדֶע פְּלַאץ וואוּ עֶס קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ בִּתְמִימוּת, מֶען רֶעדְט פוּן רֶבִּי'ן אוּן מֶען הָאט זִיךְ לִיבּ - דָארְט אִיז דֶער רֶבִּי.

מַאךְ נִישְׁט דָא אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אַ חֲסִידוּת, לוֹיף מִיךְ נִישְׁט נָאךְ. אַז דַיין וַוייבּ ווִיל בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ - זָאלְסְטוּ אִיר נִישְׁט דְרוּקְן צוּ קוּמֶען, מִיר הָאבְּן אֵיין מָאל אַ יָאר וָואס מִיר דַארְפְן אַוֶועקְגֵיין פוּן שְׁטוּבּ, מִיר גֵייעֶן צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דֶעמָאלְט קוּקְט מֶען נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם.

טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, שְׁטַארְק זִיךְ, זַיי פְרֵיילִיךְ, זוּךְ דָאס גוּטְס בַּיי דִיר דָארְט וואוּ דוּ בִּיסְט. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז אוּנְז מְגַלֶּה (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן כד) דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בְּכוֹרוֹת ח:) דִי סָבֵי דְבֵי אַתּוּנָא הָאבְּן גֶעפְרֶעגְט רֶבִּי יְהוֹשֻׁעַ: "אֶמְצָעוּתָא דְעָלְמָא הֵיכָא", וואוּ אִיז דִי מִיטְן פוּן דִי וֶועלְט? "זַקְפָא לְאֶצְבָעָתֵהּ", הָאט עֶר אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן זַיינֶע פִינְגֶער, "אָמַר לְהוֹ: הָכָא", אוּן גֶעזָאגְט דָא, "אָמְרוּ לֵהּ: מִי יֵימַר", הָאבְּן זַיי גֶעפְרֶעגְט וֶוער זָאגְט? "אָמַר", הָאט עֶר זַיי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אַיְתוּ אַשְׁלוּ וּמוֹשְׁחוּ", בְּרֶענְגְט שְׁטְרִיק אוּן מֶעסְט אָפּ דִי וֶועלְט, וֶועט אִיר זֶען אַז אִיךְ בִּין גֶערֶעכְט; דֶער רֶבִּי אִיז מְגַלֶּה אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע סוֹד, זַיי הָאבְּן גֶעפְרֶעגְט וואוּ קֶען מֶען שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן? וואוּ אִיז דִי פְרֵיילִיכְסְטֶע פְּלַאץ? הָאט עֶר גֶעזָאגְט "דָא", פְרֶעגְן זֵיי: "וֶוער זָאגְט?" עֶנְטְפֶערְט עֶר זֵיי: "זַייט פְרֵיילִיךְ, וֶועט אִיר זֶען אַז וואוּ מֶען גֶעפוּנְט זִיךְ - דָארְט אִיז דִי מִיטְן פוּן דִי וֶועלְט".

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ אֱמוּנָה, עֶר וֵוייסְט אוּן גְלֵייבְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, אַלֶעס אִיז עֶר, דֶעמָאלְט, וואוּ עֶר אִיז, וואוּ עֶר גֶעפוּנְט זִיךְ - אִיז אִים גוּט.

מַאךְ אַ מִנְיָן שָׁבוּעוֹת בַּיי דִיר, נֶעם זִיךְ צוּזַאם מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ. שָׁבוּעוֹת אִיז אַ צַייט וָואס מֶען קוּמְט צוּם רֶבִּי'ן צוּ מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה פוּנְדָאסְנֵיי. דֶער רֶבִּי גֶעפוּנְט זִיךְ אִיבֶּעראַל דָארְט וואוּ מֶען רֶעדְט פוּן אִים, דֶער רֶבִּי אִיז נִישְׁט מְצוּמְצָם אִין אֵיין פְּלַאץ.

אַ וָואךְ נָאךְ יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת מַאכְן מִיר דִי יֶערְלִיכֶע קָאמְפֵּיין פַּאר דִי מוֹסְדוֹת, אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט מִיר הֶעלְפְן אַרַיינְבְּרֶענְגֶען צְדָקָה פוּן דַיין מִשְׁפָּחָה, דַיינֶע בַּאקַאנְטֶע.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלְס שׁוּתָּף, וֶועסְטוּ זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בְּחוּקוֹתַי, כ"ד אִיָר, ל"ט לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

דַיין פְּרַיינְט ... הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט אַז דוּ שְׁטַארְקְסְט זִיךְ זֵייעֶר אוּן אַז דוּ דַארְפְסְט יֶעצְט אַ בְּרָכָה פַארְ'ן מֶקַח וָואס דוּ קוֹיפְסְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין מִיט אַלֶעס וָואס דוּ טוּסְט, זָאלְסְט הָאבְן גְרוֹיס שֶׁפַע, זָאלְסְט עֶנְדִיגְן דֶעם מֶקַח מִיט גְרוֹיס הַצְלָחָה.

דָאס וֵוייסְטוּ זִיכֶער, אַז אוֹיב מֶען נֶעמְט אַרַיין אִינֶעם דִיל אַ גוּטְן שׁוּתָּף פָּארְט אַלֶעס גֶעשְׁמִירְט, אַ בֶּעסֶערֶער שׁוּתָּף פוּנֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז נִישְׁטָא; נֶעם אַרַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִינֶעם דִיל, לֵייג תְּפִילִין יֶעדְן טָאג אוּן הִיט שַׁבָּת - וֶועסְטוּ גָאר שֵׁיין מַצְלִיחַ זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אַז מֶען אִיז מְקַרֵב אִידְן, בַּאקוּמְט מֶען שְׂכַר אוֹיף אַלֶע זֵייעֶרֶע גוּטֶע מַעֲשִׂים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בְּחוּקוֹתַי, כ"ד אִיָר, ל"ט לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב

לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶ' מִיט דִי בְּרִיוו וָואס אִיר טַייטְשְׁט אִיבֶּער,

דִי אַלֶע וָואס פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט אִידִישׁ - זֶענֶען זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶ׳ מִיט דִי אִיבֶּערְגֶעטַייטְשְׁטֶע בְּרִיוו.

אִיךְ בִּין מִתְפַּלֵל פַּאר אַייךְ אִיר זָאלְט הָאבְּן כֹּחַ ווַייטֶער צוּ טוּן דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, אִיר זָאלְט בַּאקוּמֶען אַ בְּרָכָה אִין דִי צַייט, אִיר זָאלְט הָאבְּן כֹּחַ צוּ דִי קִינְדֶער, אוּן נָאר זֶען נַחַת פוּן זֵיי.

ווֶער עֶס טוּט אִין הֲפָּצָה, אִין קֵירוּב - דֶער בַּאקוּמְט שְׂכַר אוֹיף אַלֶע גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואס דִי אַלֶע אִידְן טוּעֶן; מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט וָואס ווַוארְט אָפּ.

אַ גְרוּס פוּן אַייעֶרֶע לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער, זֵיי זֶענֶען אַזוֹי טֵייעֶר, זֵיי הָאבְּן אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע חֵן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## קִינְדֶער אִיז אַ בְּרָכָה, עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט יָאנְטְשִׁי

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בְּחוּקוֹתַי, כ״ד אִיָּר, ל״ט לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ב

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיר דַארְפְט זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז אִיר הָאט זִיךְ דֶערְווִיסְט אַז עֶס קוּמְט אַ שִׂמְחָה וְכוּ׳, דָאס דַארְף אַייךְ נִישְׁט מַאכְן דֶעפְּרֶעסְט; ווִיפִיל פְרוֹיעֶן שְׁטֵייעֶן אוּן ווַוארְטְן צוּ קֶענֶען זוֹכֶה זַיין צוּ אַ קִינְד, קִינְדֶער אִיז אַ בְּרָכָה.

פַארְוָואס זָאלְט אִיר זָאגְן אַז קִינְדֶער אִיז אַ יָאנְטְשִׁי זַאךְ? פַארְוָואס זָאלְט אִיר זָאגְן "אִיךְ ווִיל נִישְׁט קַיין קִינְדֶער ווַייל מֶענְטְשְׁן ווֶעלְן לַאכְן אוּן רֶעדְן אוֹיף מִיר"? קִינְדֶער אִיז אַ בְּרָכָה, קִינְדֶער אִיז מַתָּנוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְס, עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט יָאנְטְשִׁי.

אִיךְ ווֶעל אַייךְ זָאגְן וָואס יָאנְטְשִׁי אִיז, יָאנְטְשִׁי אִיז לֶעבְּן פַּאר אַנְדֶערֶע, יָאנְטְשִׁי אִיז טְרַאכְטְן וָואס מֶענְטְשְׁן ווֶעלְן זָאגְן, יָאנְטְשִׁי אִיז לֶעבְּן אַ פַאלְשֶׁע לֶעבְּן פַּאר חַבְרֶ׳טֶעס, יָאנְטְשִׁי אִיז אַיינְקוֹיפְן טֵייעֶרֶע קְלֵיידֶער, אַ טֵייעֶרֶע קֶערִידְזְשׁ, אוֹיסְשְׁווֶעמֶען דֶעם מַאן׳ס גֶעלְט פַּאר נַארִישֶׁע פְרֶענְדְס וָואס

שְׁמֵייכְלֶען און פָּארְנְט און לַאכְן אוּנְטֶערְן רוּקְן...

יָאנְטְשִׁי איז גֵיין אָנְגֶעטוּן אוֹיסְגֶעשְׁנִיטְן צוּ וֶועלְן אוֹיסְזֶען ווי דֶער גוֹי טָמֵא שֶׁקֶץ וּמְשֻׁקָּץ, יָאנְטְשִׁי אִיז זִיךְ צַאמְגֶעמֶען קָאפְּלְס לַאכְן אִינְאֵיינֶעם, זוּכְן צוּ קוּקְן אוֹיף פְרֶעמְדֶע מֶענֶער, לַאכְן צוּ פְרֶעמְדֶע מֶענֶער, גֵיין שְׁפִּילְן מִיט פְרֶעמְדֶע מֶענֶער.

דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶערְשְׁטְן אַז אִיר זֶענְט נִישְׁט יָאנְטְשִׁי, אִיר זֶענְט אַן עֶרְלִיכֶע, בַּאחֵן׳טֶע, אִידִישֶׁע, אֵיידֶעלֶע, בַּאשֵׁיידֶענֶע פְּרוֹי, און דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶערְשְׁטְן אַז נָאךְ אַבִּיסְל קוּמְט שְׂמְחוֹת.

...

## לָאזְט אַייךְ אָפּ פוּן דִי פַארְדָארְבֶּענֶע כַּלָּה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בְּחוּקוֹתַי, כ״ד אִיָּר, ל״ט לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ב

מָרַת ... תְּחִיֶ׳, בְּרֶסְלֶב

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ זָאג אַייךְ נָאכְאַמָאל אִיר זָאלְט אִיר אָפְּלָאזְן, הֶערְט אוֹיף רֶעדְן מִיט אִיר; וַוייל אַ כַּלָּה וָואס הָאט שְׁטִילֶערְהֵייט שַׁיְיכוּת מִיט אַ פְּרֶעמְדֶער מַאן - אִיז אַ פַארְדָארְבֶּענֶע, אַ שְׁלֶעכְטֶע, אַ קְרַאנְקֶע.

וָואלְט דָאס גֶעוֶוען אַ מֵיידְל - אִיז עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ; וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ אַייךְ אַ מֵיידְל און דֶערְצֵיילְן וָואס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף אִיר, זָאלְט אִיר זִי מְחַזֵּק זַיין, אָבֶּער אַז מֶען טְרֶעפְט שׁוֹין אַ שִׁידוּךְ, מֶען הָאט אַ חָתָן און מֶען פָּאפְּט אוֹיס דֶעם חָתָן, מֶען הַאלְט וַוייטֶער קֶשֶׁר מִיט אַ פְּרֶעמְדְן מַאן - אַזַא אֵיינֶע אִיז אַ שְׁלֶעכְטֶע; שְׁטֵייט וַוייט פוּן דֶעם.

אַז אִיר ווילְט טוּן אַנְדֶערְשׁ - קֶענְט אִיר טוּן ווי אַזוֹי אִיר פַארְשְׁטֵייט, אִיךְ זָאג אַייךְ וָואס אִיךְ טוּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט דִי צַעַר וָואס בָּחוּרִים גֵייעֶן אַרִיבֶּער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - ד׳ פַּרְשַׁת בְּחוּקוֹתַי, כ"ה אִיָּיר, מ׳ לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק **לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר**

קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט דִי צַעַר וָואס בָּחוּרִים גֵייעֶן אַרִיבֶּער, עֶס אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַזַא צַעַר אוֹיף דֶער וֶועלְט, אַזֶעלְכֶע יְסוּרִים אוֹיף דֶער וֶועלְט - וִוי דִי צַעַר פוּן אַ בָּחוּר; זֵיי ווִילְן זַיין גוּט, זֵיי ווִילְן זַיין אָפְּגֶעהִיטְן, הֵיילִיג בִּקְדֻשַּׁת הַבְּרִית, אוּן זֵיי פַאלְן נֶעבֶּעךְ אַרָאפּ אִין עֲבֵירוֹת, זֵיי זֶענֶען פּוֹגֵם בִּבְרִית מִיט דִי עֲבֵירָה פוּן הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְּלָן. דָאס אִיז דָאךְ דִי גְרֶעסְטֶע יְסוּרִים, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ הַקְּדוֹשִׁים זָאגְן (שַׁבָּת נה.): "אֵין יִסּוּרִין בְּלֹא עָוֹן", וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס מֵיינְט יְסוּרִים, (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן ז): "כִּי עִקַּר הַיִּסּוּרִים הֵם רַק כְּשֶׁנּוֹפְלִים בַּעֲווֹנוֹת, חַס וְשָׁלוֹם", יְסוּרִים אִיז וֶוען מֶען פַאלְט אִין עֲבֵירוֹת.

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט: "אִיךְ בִּין אַרָאפְּגֶעקוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט אִינֶעם טָאג כ"א אִיָּיר, דִי סְפִירָה פוּן חֶסֶד שֶׁבִּיסוֹד, צוּ ווַייזְן דִי חֶסֶד פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַלֶע וָואס זֶענֶען נֶעבֶּעךְ נִכְשָׁל אִין מִידַּת הַיְּסוֹד רַחֲמָנָא לִצְּלָן, זֵיי ווַייזְן אַ וֶועג צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען דֶעם לִימוּד פוּן רֶבִּי'ן, זֵיי גֶעבְּן צוּ הֶערְן דִי גֶעשְׁרֵיי וָואס דֶער רֶבִּי שְׁרֵייט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן עח) 'גִיוַואלְד, זַייט אַייךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ, קַיין יֵאוּשׁ אִיז גָארְנִישְׁט פַארְהַאנֶען'".

ווֹאוּיל אִיז דֶעם וָואס טוּט פַאר בָּחוּרִים, עֶר פְּרוּבִּירְט צוּ מַאכְן שִׁידוּכִים אוּן אִיז זֵיי מְחַזֵּק; וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאצָאלְן מִיט נַחַת אוּן פְרֵייד.

...

### מִיר נֶעמֶען נִישְׁט קַיין גֶעלְט פוּן דִי עֶרֶב רַב

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - ד׳ פַּרְשַׁת בְּחוּקוֹתַי, כ"ה אִיָּיר, מ׳ לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק **לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר**

יֶעצְט הָאסְטוּ גֶעזֶען מִיט דַיינֶע אוֹיגְן דֶעם תַּלְמוּד תּוֹרָה אִין יְרוּשָׁלַיִם, דִי

לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער, ווִי זֵיי זִיצְן אוּן לֶערְנֶען בִּקְדוּשָּׁה וּבְטָהֳרָה, דֶער טֵייעֶרֶער מְלַמֵּד אִיז אַזוֹי אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן, מִיט אַזוֹיפִיל סַבְלָנוּת.

יֶעצְט ווִילְן מִיר פַארְבְּרֵייטֶערְן דֶעם חֵדֶר, מִיר ווִילְן נֶעמֶען אַ גְרֶעסֶערֶע פְּלַאץ, מִיט נָאךְ אַ מְלַמֵּד, אוֹיךְ אַ מְנַהֵל; ווַייל אִיךְ דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט צאמְנֶעמֶען גֶעלְט. אוּנְזֶער מוֹסָד אִיז עַל טָהֳרַת הַקוֹדֶשׁ, מִיר נֶעמֶען נִישְׁט קַיין גֶעלְט פוּן דִי עֵרֶב רַב אוּן מִיר ווֶעלְן קֵיינְמָאל נִישְׁט נֶעמֶען פוּן זֵיי קַיין אֵיין פְּרוּטָה אוּן נִישְׁט הָאבְּן מִיט זֵיי קַיין שׁוּם מַגָּע וּמַשָּׂא. מֶענְטְשְׁן דָא אִין אַמֶעריקֶע הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע גֶעפִיל צוּ הֶעלְפְן דִי מוֹסְדוֹת ווָאס הָאבְּן נִישְׁט מִיט דִי מִינִים וְאַפִּיקוֹרְסִים.

אִיךְ בִּין דִיר זֵייעֶר מַכִּיר טוֹבָה פַארְ'ן הֶעלְפְן בּוֹיעֶן אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת. דוּ הָאסְט אַ חֵלֶק אִין אַלֶע אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת; דוּ הָאסְט גֶעבּוֹיט דִי יְשִׁיבָה, דִי סְקוּל הָאסְטוּ גֶעעֶפְנְט; מוֹהֲרַא"שׁ הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן צוּ עֶפֶענֶען דִי מוֹסְדוֹת בֵּית פֵיגָא נָאכְדֶעם ווָאס מֶען הָאט נִישְׁט גֶעווָאלְט אָנְגֶעמֶען דַיין טָאכְטֶער, יֶעצְט בִּיסְטוּ אַרַיינְגֶעשְׁפְּרִינְגֶען, זַיין דֶער נַחְשׁוֹן בֶּן עַמִּינָדָב - צוּ זַיין דֶער שְׁדַ"ר פַאר דִי מוֹסְדוֹת אִין יְרוּשָׁלַיִם; אַשְׁרֶיךְ בָּעוֹלָם הַזֶּה וְטוֹב לָךְ לְעוֹלָם הַבָּא.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאצָאלְט מִיט נַחַת אוּן עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

...

### דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל גֶעעֶנְדִיגְט תְּהִלִּים אִיז דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ד' פַּרְשַׁת בְּחוּקוֹתַי, כ"ה אִיָּר, מ' לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק

... תִּחְיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז אִיר הָאט יֶעצְט גֶעעֶנְדִיגְט דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל סֵפֶר תְּהִלִּים, עֶס אִיז אַזַא גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה פַאר מִיר. ווֶען אִיךְ הֶער אַ סִיּוּם פוּן דִי עֶרְשְׁטֶע אָדֶער דִי צְווֵייטֶע מָאל - אִיז דָאס נָאךְ מֶער פְרֵיילִיךְ, ווַייל ווִי מֶער מֶען זָאגְט תְּהִלִּים - אִיז דָאס שׁוֹין אַ חֵלֶק פוּנֶעם לֶעבְּן, מֶען ווִיל שׁוֹין זָאגְן נָאךְ אוּן נָאךְ, נָאר אָנְהוֹיב אִיז עֶס שְׁוֶוער, אוּן ווֶען אִיךְ הֶער פוּן תַּלְמִידוֹת

אַז זֵיי שְׁטַארְקְן זִיךְ אוּן זָאגְן תְּהִלִּים - מַאכְט דָאס זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ.

זֶעט צוּ גֵיין שֵׁיין צַאמְגֶענוּמֶען; עֶרְלִיכֶע מֵיידְלֶעךְ הָאבְּן אַ גְרוֹיסֶע אַחְרַיוּת, אַלֶע קוּקְן אוֹיף זֵיי, אוּן אַז זֵיי צֵייגְן גוּט - אִיז דָאס אַ קִידוּשׁ הַשֵּׁם, מֶענְטְשְׁן ווִילְן אוֹיךְ זַיין אַזוֹי. אַנְדֶערְשׁ אִיז וֶוען מֶען גֵייט אָנְגֶעטוּן צֶעפְלוֹיגְן, דִי הָאר פְלִיט אוּן הֶענְגְט פוּן אַלֶע זַייטְן, אוּן אַז דִי קְלֵיידֶער זֶענֶען נִישְׁט רֵיין, דִי שִׁיךְ, דִי שְׁטְרוּמְפּ זֶענֶען פַארְדְרֵייט אוּן פַארְשְׁמִירְט - וֶוערְן מֶענְטְשְׁן דֶערְוַוייטֶערְט פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶערִיבֶּער זֶענֶען דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זֵייעֶר שְׁטְרֶענְג, אוּן זָאגְן (שַׁבָּת קיד.): "כָּל תַּלְמִיד חָכָם שֶׁנִּמְצָא רְבָב עַל בִּגְדוֹ חַיָּב מִיתָה", אַ תַּלְמִיד חָכָם וָואס הָאט פַארְפְלֶעקְטֶע קְלֵיידֶער אִיז חַיָּב מִיתָה, ווַייל עֶר דֶערְוַוייטֶערְט מֶענְטְשְׁן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיז דָאךְ זִיכֶער אַ בְּרֶסְלֶבֶ'עֶ מֵיידְל, אַ תַּלְמִידָה פוּן בֵּית פֵיגָא - דַארְף זִיךְ שֵׁיין צַאמְנֶעמֶען, גֵיין אָנְגֶעטוּן שֵׁיין, רֵיין אוּן אֵיידְל; אַלֶע זָאלְן אִיר וֶועלְן נָאכְמַאכְן.

ווַייזְט דֶעם בְּרִיווּ פַאר אַלֶע אַייעֶרֶע חַבֶרְ'טֶעס, אַלֶע זָאלְן זִיךְ אַזוֹי פִירְן.

...

## דֶער סֵדֶר ווִי אַזוֹי צוּ לֶערְנֶען מִיט כִּתָּה א'

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ד' פַּרְשַׁת בְּחוּקוֹתַי, כ"ה אִיָּר, מ' לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק
לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, מְלַמֵּד הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ קִרְיַת יוֹאֵל

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין פְרַאגֶע.

בְּנוֹגֵעַ ווִי אַזוֹי צוּ לֶערְנֶען מִיט כִּתָּה א', צִי מֶען זָאל זִיךְ רֶעכֶענֶען מִיט דִי כִּתָּה וָואס פַארְשְׁטֵייט שׁוֹין גוּט, אָדֶער קוּקְן אוֹיף דִי צְוֵויי קִינְדֶער וָואס כַאפְּן נָאכְנִישְׁט אוֹיף; מֶען דַארְף גֵיין מִיט אַ סֵדֶר וָואס מֶען הָאט אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט פַאר אַלֶע תַּלְמוּד תּוֹרָה'ס.

דוּ קֶענְסְט זִיךְ פַארְבִּינְדְן מִיט דֶעם מְלַמֵּד אִין דִי ווִילְיַאמְסְבּוּרְגֶ'עֶ חֵדֶר, ר' ... נֵרוֹ יָאִיר, עֶר אִיז אַ מְלַמֵּד מוּמְחֶה, עֶר וֶועט דִיר וַוייזְן דִי וֶועג ווִי אַזוֹי צוּ לֶערְנֶען; יֶעדְן טָאג גֵייט מֶען אַ טְרִיט וַוייטֶער, אוּן דִי קִינְדֶער וָואס כַאפְּן

נִישְׁט - דַארְף מֶען רֶעדְן צוּ דִי עֶלְטֶערְן, זֵיי זָאלְן צוּ לֶערְנֶען אִין שְׁטוּב מִיט זֵיי; מֶען קֶען אָבֶער נִישְׁט אוֹיפְהַאלְטְן דִי גַאנְצֶע כִּתָּה צוּלִיבּ זֵיי.

זַיי מְחַזֵּק דַיינֶע טֶעכְטֶער זֵיי זָאלְן מִיר הֶעלְפְּן אִין בֵּית פֵּיגָא. גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַיינֶע צְוֵויי טֶעכְטֶער אִין שְׁטֶעטְל - הֶעלְפְּן זֵייעֶר דִי סְקוּל דָארְט, זֵיי זֶענֶען גָאר גוּטֶע לֶערֶערִינְס. יֶעצְט זָאלְסְטוּ מְחַזֵּק זַיין דַיינֶע צְוֵויי טֶעכְטֶער זָאלְן הֶעלְפְּן דִי סְקוּל אִין קִרְיַת יוֹאֵל, וַוייל דֶער וָואס הָאט אַ חֵלֶק אִין אַיינְזֵייעֶן אִידִישְׁקֵייט אִין קִינְדֶער - דֶער וֶועט זִיצְן אִין גַן עֵדֶן בַּיי דִי הֶעכְסְטֶע הֵיכָלוֹת.

ווּאוֹיל אִיז דֶעם וָואס טוּט פַּאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן ווּאוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז מְחַזֵּק זַיין גַאנְצֶע שְׁטוּבּ, אַלֶע זָאלְן עוֹסֵק זַיין אִין פַּארְשְׁפְּרֵייטְן דִי אֱמוּנָה.

...

### ווּאוֹיל אִיז דֶער וָואס זָאגְט פַּאר זַיין וַוייבּ צוּ גֵיין אָנְגֶעטוּן שֵׁיין אוּן אֵיידְל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ד' פַּרְשַׁת בְּחוּקוֹתַי, כ"ה אִיָּר, מ' לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק
**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַוַודַאי קֶענְסְטוּ אִיר זָאגְן זִי זָאל נִישְׁט גֵיין אוֹיסְגֶעשְׁנִיטְן; ווּאוֹיל אִיז דֶער וָואס זָאגְט פַּאר זַיין וַוייבּ צוּ גֵיין אָנְגֶעטוּן שֵׁיין אוּן אֵיידְל.

זָאג עֶס אִיר אוֹיף אַ שֵׁיינֶעם וֶועג כְּדֵי זִי זָאל עֶס אָנְנֶעמֶען פוּן דִיר. זִי אִיז זֵייעֶר אַ ווּאוֹילֶע, וֵוייסְט דָאךְ, דֶער יֵצֶר הָרָע קוּמְט צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם מִיט אַנְדֶערֶע נִסְיוֹנוֹת; זִי וִויל זַיין ווּאוֹיל, זִי הָאט נָאר דִי רֵייץ וָואס מַאכְט זִיךְ בַּיי יוּנְגֶע קִינְדֶער.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַלֶעס זָאל זַיין גוּט, זָאלְסְט גֵיין צוּ דִי חֲתוּנָּה בְּשָׁעָה טוֹבָה וּמֻצְלַחַת אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּבּ.

אַז אִיר וֶועט פְּרֶעגְן יֶעדֶע זַאךְ עֶנְקֶער מוֹרֶה דֶרֶךְ - וֶועט אִיר נִישְׁט פַארְקְרִיכְן.

שְׁרַייבּ מִיר וִויפִיל דוּ לֶערְנְסְט.

...

**מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ פָארְן לוֹיט דִי גֶעזֶעץ**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - ד׳ פַּרְשַׁת בְּחוּקוֹתַי, כ״ה אִיָּר, מ׳ לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק

**מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

עֶרְשְׁטְנְס קוּמְט דִיר אַ גְרוֹיסְן דַאנְק פַארְ׳ן הֶעלְפְן בּוֹיעֶן דִי שְׁטֶעטְל, יֶעדֶע פִּינְטְל וָואס מֶען טוּט פַארְ׳ן שְׁטֶעטְל אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב.

גֶעבּ אַכְטוּנְג וִוי אַזוֹי דוּ פָארְסְט; טְרָאגְן אוּן בְּרֶענְגֶען פְּרוֹיעֶן מִיט קִינְדֶער אִיז אַ גְרוֹיסֶע אַחְרָיוּת, מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ פָארְן לוֹיט דִי גֶעזֶעץ, נִישְׁט צוּ שְׁנֶעל. דוּ טְרָאגְסְט אַ גְרוֹיסֶע אַחְרָיוּת, דוּ פָארְסְט מִיט וֶוערְטֶער אוֹיפְ׳ן בָּאס "בְּרֶסְלֶב", אַלֶע קוּקְן וִוי אַזוֹי דוּ פִירְסְט זִיךְ, אַלֶעס גֵייט אוֹיף מַיין נָאמֶען, זָאלְסְטוּ זַיין מֶער פָארְזִיכְטִיג.

יֶעדֶעס מָאל דוּ דְרֵייוְוסְט דֶעם שָׁאטֶעל אִיז דָאס הֲפָצָה. מֶענְטְשְׁן זֶעעֶן דִי בָּאס, דֶעם בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר קְרוֹין - דֶערְמַאנְט מֶען זִיךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶע וֵוייסְן אַז בְּרֶסְלֶב רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. בְּרֶסְלֶב מֵיינְט תְּשׁוּבָה, בְּרֶסְלֶב אִיז שִׂמְחָה; זָאלְסְטוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דֶעם רֶבִּינְ׳ס נָאמֶען.

זֶע צוּ וַואטְשְׁן דֶעם בָּאס עֶס זָאל זַיין רֵיין סֵיי פוּן אִינֶעוֵוייניג אוּן סֵיי פוּן אִינְדְרוֹיסְן.

...

**אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי קִינְדֶער אִין דִי צַייט פוּן שָׁלשׁ סְעוּדוֹת**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת בְּחוּקוֹתַי, כ״ה אִיָּר, מ׳ לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, בֵּית שֶׁמֶשׁ**

מַזָל טוֹב ...., דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט אוֹיפְבּוֹיעֶן אַ בַּיִת נֶאֱמָן בְּיִשְׂרָאֵל, דַיין שְׁטוּבּ זָאל זַיין אַ פְּלַאץ פַאר הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה.

אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן אוֹיב דוּ בִּיסְט מַסְכִּים צוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי קִינְדֶער אִין דִי צַייט פוּן שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת. עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צַאמְצוּנֶעמֶען דִי קִינְדֶער זִינְגֶען מִיט זֵיי - וֶוען מֶען זִינְגְט דִי זְמִירוֹת, אוּן שְׁפֶּעטֶער וֶוען מֶען זָאגְט דִּבְרֵי תּוֹרָה - זֵיי נֶעמֶען אִין דִי זַייט דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה אוּן זֵיי גֶעבְּן אַ גוּטֶע עֶסְן אָדֶער אַ גוּטֶע זַאךְ.

גְלֵייבּ מִיר, וֶוען אִיךְ דַארְף וֶוען נִישְׁט זָאגְן דִּבְרֵי תּוֹרָה אִין יְשִׁיבָה - וָואלְט אִיךְ גֶעכַאפְּט דִי זַאךְ, אִיךְ וָואלְט אַרַיינְגֶעבְּלָאזְן אַזַא חַיּוּת אִין דִי קִינְדֶער.

דִי צַייט פוּן שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת, וֶוען דִי קִינְדֶער זֶענֶען הֶפְקֵר - דֶעמָאלְט פַּאסִירְן גֶעוֶוענְלִיךְ נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן וְדַ״ל.

לָאז מִיר וִויסְן אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט זוֹכֶה זַיין אִין דֶער זַאךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וָואס מֶען דַארְף פָאלְגְן דֶעם דָאקְטֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת בְּחוּקוֹתַי, כ״ה אִיָּר, מ׳ לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ב

לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיר זָאלְט נִישְׁט פָאלְגְן דֶעם דָאקְטֶער וָואס זָאגְט אַז מֶען טָאר נִישְׁט לֶעבְּן אִינְאֵיינֶעם; אִיר קֶענְט וַוייטֶער לֶעבְּן אִינְאֵיינֶעם וְכוּ׳.

בְּנוֹגֵעַ מַאכְן בְּדִיקוֹת וְכוּ׳; אִיר קֶענְט מַאכְן וָואס דִי דָאקְטוֹרִים זָאגְן מֶען זָאל מַאכְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַלֶעס זָאל אַרִיבֶּערְגֵיין בְּנָקֵל וּבְנַחַת, דַיין וַוייבּ זָאל הָאבְּן גֶעזוּנְטֶערְהֵייט אוּן גְרִינְגֶערְהֵייט.

...

**הֶער נִיגוּנִים פוּן זִינְגֶערְס וָואס זִינְגֶען פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת בְּחוּקוֹתַי, כ״ה אִיָּר, מ׳ לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

בְּנוֹגֵעַ הֶערְן נִיגוּנִים פוּן ...; אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס הָאט פַּאסִירְט מִיט אִים, עֶפֶּעס אַ רוּחַ רָעָה אִיז אַרַיין אִין אִים.

הֶער נִיגוּנִים פוּן זִינְגֶערְס וָואס זִינְגֶען פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִינְגֶערְס וָואס זִינְגֶען: ״אִיךְ ווִיל לִיבּ הָאבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן״, ״אִיךְ ווִיל לִיבּ הָאבְּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה״, ״עֶס בֶּענְקְט מַיין הַארְץ״, ״אִיךְ ווִיל לִיבּ הָאבְּן דִי אִידִישֶׁע לֶעבְּן״ - דִי נִיגוּנִים קֶען מֶען הֶערְן; עֶפֶּעס אִיז מִיט אִים גֶעשֶׁען, עֶפֶּעס אַ רוּחַ אִיז אִין אִים אַרַיין; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אִים אוֹיסְהֵיילְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אַלֶע זָאלְן תְּשׁוּבָה טוּן.

...

**וָואס מֵיינְט זִיךְ פְּלָאגְן אִין לֶערְנֶען?**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת בְּחוּקוֹתַי (בַּמִּדְבָּר בא״י), מְבָרְכִים הַחוֹדֶשׁ, כ״ו אִיָּר, מ״א לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיינֶע טֵייעֶרֶע חֲבֵרִים, אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, ה׳ עֲלֵיהֶם יִחְיוּ**

אִיךְ בִּין נָאךְ זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען מִיט גֶעפִילְן פוּן זַיין מִיט אַייךְ, אִיךְ הָאבּ הֲנָאָה גֶעהַאט יֶעדֶע מִינוּט; אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה פוּן דִי פְרִישְׁקֵייט וָואס אִיז דָא צְווִישְׁן אַייךְ אוּן דִי לִיבְּשַׁאפְט וָואס הֶערְשְׁט צְווִישְׁן אַייךְ.

אִיךְ ווִיל אַייךְ שְׁרַייבְּן פוּן דִי פַּרְשָׁה פוּן דִי וָואךְ (בַּמִּדְבָּר), אָבֶּער בַּיי אוּנְז אִיז דָא אַן אַנְדֶערֶע פַּרְשָׁה, בַּיי אוּנְז אִיז דִי וָואךְ פַּרְשַׁת בְּחוּקוֹתַי; אִיךְ וֶועל אַייךְ שְׁרַייבְּן אַ קְלֵיינֶע זַאךְ פוּן וָואס מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט דֶעם לֵיל שִׁישִׁי.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער (וַיִּקְרָא כו, ג): ״אִם בְּחֻקֹּתַי

תֵּלֵכוּ", אוֹיב אִיר וֶועט גֵיין אִין דִי וֶועגְן פוּן דִי תּוֹרָה, וְגוֹ', זָאגְט רַשִׁ"י הַקָּדוֹשׁ: "שֶׁתִּהְיוּ עֲמֵלִים בַּתּוֹרָה"; וָואס אִיז עֲמֵלוּת בַּתּוֹרָה? דָאס אִיז דֶער סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו). וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה, עֶר לֶערְנְט אוּן עֶר פַארְשְׁטֵייט דָאס לֶערְנֶען, עֶר הָאט אַ גֶעשְׁמַאק אִין לֶערְנֶען - אִיז דָאס נִישְׁט קַיין פְּלָאג, דָאס אִיז דָאךְ דִי זִיסְטֶע זַאךְ אִין דִי וֶועלְט, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יז): "וֶוען דִי תּוֹרָה וֶועט דִיר וַוייזְן אִיר פָּנִים - וֶועסְטוּ שׁוֹין גָארְנִישְׁט דַארְפְן", וֶועסְט נִישְׁט דַארְפְן קַיין שׁוּם שָׂכָר, דוּ וֶועסְט נָאר דַארְפְן דִי תּוֹרָה; עָמָל אִיז פְּשַׁט אַז מֶען הָאט נָאכְנִישְׁט קַיין טַעַם, מֶען הָאט נָאכְנִישְׁט קַיין פַארְשְׁטַאנְד, מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דָאס לֶערְנֶען - דָאךְ פְּלָאגְט מֶען זִיךְ, מֶען זָאגְט מִשְׁנָיוֹת, מֶען זָאגְט גְמָרָא, מֶען פְּלָאגְט זִיךְ - דֶעמָאלְט קוּמֶען אַלֶע בְּרָכוֹת.

עֲמֵלוּת בַּתּוֹרָה אִיז וֶוען מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דָאס לֶערְנֶען אוּן מֶען פְּלָאגְט זִיךְ, מֶען זָאגְט דִי וֶוערְטֶער. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (קְדוֹשִׁים פה:): "מַאן דְּתִיאוּבְתֵּיהּ לְמִלְעֵי בְּאוֹרַיְיתָא", וֶוער עֶס וִויל לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, "וְלָא אַשְׁכַּח מַאן דְּיוֹלִיף לֵיהּ", אוּן עֶר הָאט נִישְׁט וֶוער עֶס זָאל אִים אוֹיסְלֶערְנֶען אוּן גֶעבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס עֶר לֶערְנְט, "וְהוּא בִּרְחִימוּתָא דְּאוֹרַיְיתָא, לָעֵי בָּהּ, וּמְגַמְגֵּם בָּהּ בְּגִמְגוּמָא דְּלָא יָדַע", אָבֶער וִויבַּאלְד עֶר הָאט לִיבּ צוּ לֶערְנֶען, לֶערְנְט עֶר אָן פַארְשְׁטֵיין, "כָּל מִלָּה וּמִלָּה סַלְקָא", זָאל עֶר וִויסְן אַז יֶעדֶעס וָוארְט תּוֹרָה וָואס עֶר לֶערְנְט אָן פַארְשְׁטֵיין - גֵייט אַרוֹיף אוֹיבְן אִין הִימְל, "וְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא חַדֵּי בְּהַהִיא מִלָּה", אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דֶעם. "וְקַבִּיל לָהּ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעמְט דִי וֶוערְטֶער, "וְנָטַע לָהּ סָחֲרָנֵיהּ דְּהַהוּא נַחֲלָא", אוּן עֶר פְלַאנְצְט אַיין דִי וֶוערְטֶער אוֹיבְן אִין הִימְל אַרוּם אַ טַייךְ, "וְאִתְעֲבִידוּ מֵאִלֵּין מִלִּין אִילָנִין רַבְרְבִין", אוּן עֶס וֶוערְט פוּן דִי וֶוערְטֶער גְרוֹיסֶע בֵּיימֶער, "וְאִקְרוּן עַרְבֵי נַחַל", וָואס מֶען רוּפְט זֵיי אָן 'עֲרָבוֹת', "הֲדָא הוּא דִכְתִיב (מִשְׁלֵי ה, יט): בְּאַהֲבָתָהּ תִּשְׁגֶּה תָמִיד"; דָאס אִיז דֶער וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען אִיז זוֹכֶה צוּצוּקוּמֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען.

טַייעֶרֶע בְּרִידֶער, אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, אִיר דַארְפְט צוּרִיק אָנְהוֹיבְּן מִיט

אַ פְרִישְׁקֵייט מַאכְן הֲפָצָה; ווי אִיךְ זֶע אִיז דִי הֲפָצָה בַּיי אַייךְ אַבִּיסְל אַיינְגֶעשְׁלָאפְן. עֶס אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג, מֶען טָאר נִישְׁט זַיין בַּאקֶוועם פַאר זִיךְ אַלֵיינְס, מֶען דַארְף בְּרֶענֶען פַאר אַנְדֶערֶע אִידְן. שְׁמוּעֶסְט אַייךְ אָפּ, יֶעדֶע חֲבוּרָה אִין יֶעדֶע פְּלַאץ, טֵיילְט אַייךְ אֵיין ווִיפִיל גִּלְיוֹנוֹת אוּן קוּנְטְרֵסִים יֶעדֶער זָאל נֶעמֶען, אֵיינֶער גֵייט אִין דִי פָּאר שׁוּלְן, אַ צְוֵוייטֶער אִין אַנְדֶערֶע פָּאר שׁוּלְן; מֶען טָאר נִישְׁט וֶוערְן בַּאקֶוועם, אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אוֹיבּ מֶען וֶוערְט בַּאקֶוועם, מֶען טוּט נִישְׁט אִין הֲפָצָה - קֶען מֶען אַלֵיינְס אַרוֹיסְפַאלְן, מֶען וֶוערְט אַ אַלְטֶער אִיד, אַן אַלְטֶער חָסִיד; אַלְט אִיז אַ סַכָּנָה (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נא).

גֵייט פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּינְ'ס חִיזוּק פַאר בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט, זֵיי דַארְפְן דִי חִיזוּק דָאס מֶערְסְטֶע; עֶס אִיז אַזַא רַחְמָנוּת אוֹיף בָּחוּרִים, זֵיי ווִילְן זַיין עֶרְלִיךְ אוּן גוּט אוּן זֵיי פַאלְן אִין בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת; וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס הָאט אַ חֵלֶק אִין מְחַזֵק זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

אַ פְרֵיילִיכְן לִיכְטִיגְן שַׁבָּת.

...

## שְׁטֶעק אַרַיין דַיין קָאפּ צְווִישְׁן תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת בְּחוּקוֹתַי, מְבָרְכִים הַחוֹדֶשׁ, כ"ו אִיָיר, מ"א לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

וָואס מַאכְסְטוּ? אִיךְ הָאבּ שׁוֹין לַאנְג נִישְׁט גֶעהֶערְט פוּן דִיר; אִיךְ הָאף צוּם אייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ דֶערְהַאלְטְסְט זִיךְ, דוּ בִּיסְט וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ מִיט דַיין עֲבוֹדוֹת הַשֵּׁם.

אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, דוּ וֶועסְט נִישְׁט אָפְּלָאזְן דַיין עֲבוֹדוֹת הַשֵּׁם, דוּ וֶועסְט וַוייטֶער לֶערְנֶען דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן אוּן גֵיין אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען - וֶועסְטוּ גֶעהָאלְפְן וֶוערְן, דוּ וֶועסְט זֶען אַ יְשׁוּעָה.

שְׁטֶעק אַרַיין דַיין קָאפּ צְוִוישְׁן תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב, גֵיי דַאוֶונֶען אַ תְּפִלָּה צְוִוישְׁן זֵיי - וֶועסְטוּ הָאבְּן חַיּוּת, דוּ וֶועסְט זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן. דֶער רֶבִּי הָאט אַזֶעלְכֶע חִיזּוּקִים פַּאר יֶעדֶע מַצָּב, אַ שָׁאד אַז דוּ דְרֵייסְט זִיךְ מֶער נִישְׁט צְוִוישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

פְּאֵר קִינְדֶער

## "אַ נֵייעֶ תּוֹרָה!"

עֶס אִיז יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת אִינְדֶערְפְרִי, מֶען הָאט שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט הַלֵּל, מֶען גֵייט שׁוֹין בַּאלְד זָאגְן "אַקְדָמוּת", מֶען וַוארְט מֶען זָאל שׁוֹין עֶפֶענֶען דֶעם אָרוֹן הַקוֹדֶשׁ, אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

פְּלוּצְלוּנְג הֶערְט מֶען שְׁרֵייעֶן הוֹיךְ: "אַ נֵייעֶ תּוֹרָה...! אַ נֵייעֶ תּוֹרָה...!" דֶער אִיד וָואס נֶעמְט אַרוֹיס דִי תּוֹרָה אִיז אִיבֶּערְגֶעדֶעקְט מִיטְ'ן טַלִּית אוּן שְׁרֵייט: "אַ נֵייעֶ תּוֹרָה! אַ נֵייעֶ תּוֹרָה!" עֶר הוֹיבְּט אָן זִינְגֶען: "סְ'אִיז בֶּעסֶער צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה מֶער פוּן אַלֶע גָאלְד אוּן זִילְבֶּער!"

אַלֶע מֶענְטְשְׁן וואוּנְדֶערְן זִיךְ 'וָואס גֵייט דָא פָּאר? וָואס אִיז הַיינְט - שִׂמְחַת תּוֹרָה? הַיינְט אִיז יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת! וָואס טַאנְצְט עֶר אַזוֹי? וָואס שְׁרֵייט עֶר אַזוֹי?!'



שְׁכּוֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אַ נֵייעֶ תּוֹרָה!!!

קִינְדֶער, אִיר וֵוייסְט וֶוער עֶס אִיז דֶער אִיד וָואס טַאנְצְט אַזוֹי?

גֶעוֶוען אִיז דָאס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר פְלֶעגְט אַלְץ מַאכְן פְּתִיחַת הָאָרוֹן, עֶר פְלֶעגְט אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה פוּנֶעם אָרוֹן הַקוֹדֶשׁ; פַּאסִירְט אֵיין יָאר יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, רֶבִּי נָתָן נֶעמְט אַרוֹיס דִי תּוֹרָה אוּן עֶר וֶוערְט אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער

הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, מִיר זֶענֶען אוֹיסְדֶערְוֶועלְט פוּן אַלֶע פֶעלְקֶער; רֶבִּי נָתָן נֶעמְט אַרוּם דִי תּוֹרָה אוּן הוֹיבְּט אָן טַאנְצְן, עֶר שְׁרֵייט: "אַ נֵייעֶ תּוֹרָה...! אַ נֵייעֶ תּוֹרָה...!" אַזוֹי וְוי אֵיינֶער פְרֵיידְט זִיךְ מִיט אַ נֵייעֶ זַאךְ, אַ נֵייעֶ קְלֵייד, אַ נֵייעֶ חֵפֶץ.

עֶר הָאט גֶענוּמֶען דִי תּוֹרָה אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן טַאנְצְן אַרוּם דֶעם בִּימָה, אוּן וֶוען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן דָאס גֶעזֶען הָאבְּן זֵיי אוֹיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן טַאנְצְן, עֶס אִיז גֶעוָוארְן מַמָּשׁ אַזוֹי וְוי שִׂמְחַת תּוֹרָה, מֶען הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט מִיט דִי תּוֹרָה.

לָאמִיר אַלֶע טַאנְצְן מִיט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, לָאמִיר אַלֶע שְׁרֵייעֶן הוֹיךְ: "שְׁכּוֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ בִּין אַ אִיד! אִיךְ פְרֵיי זִיךְ צוּ זַיין אַ אִיד!"

# אַ שְׁטִיקְל זוֹהַר

מיטן ראש ישיבה שליט"א

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

**אַ שְׁטִיקְל זוֹהַר פוּן זוֹהַר חָדָשׁ אוֹיף רוּת לְכָבוֹד יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, וִיהִי רָצוֹן מִלְּפְנֵי ה' אֱלוֹקַי אַז בִּזְכוּת לֶערְנֶען זוֹהַר זָאלְן מִיר אַרוֹיסְגֵיין פוּן אוּנְזֶער גָלוּת, מִיר זָאלְן אָנְהוֹיבְּן זֶען דָאס גְרוֹיסְקַייט פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה אוּן טוּן מִצְוֹת; דָאס נֶעמְט אַוֶועק אַלֶע עֲבֵירוֹת אוּן אַלֶע עוֹנְשִׁים, מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ זִיצְן אִין גַן עֵדֶן מִיט דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים.**

### רֶבִּי זְמִירָאָה הֶערְט וָואס טוּט זִיךְ אִין גֵיהִנוֹם

רַבִּי זְמִירָאָה נְפַק לַחֲקַל אוֹנֵי, דֶער הֵיילִיגֶער רַבִּי זְמִירָאָה אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין אַ פֶעלְד, חָמָא בְּאִינוּן בְּקִיעִין קַרְטוֹנְיָא, קוּמְטְרֵי שַׁלְהוֹבֵי דְסָלְקִין, זֶעט עֶר וִוי עֶס קוּמֶען אַרוֹיס פְלַאמֶען פוּן דִי שְׁפַּאלְטֶענֶעס פוּן דֶער עֶרְד, אַרְכִּין אוּדְנוֹי, וּשְׁמַע קָלִין, אוּן עֶר הָאט גֶעהֶערְט וִוי עֶס קוּמֶען אַרוֹיס פוּן דָארְט הוֹיכֶע גֶעשְׁרֵייעֶן, אָמַר לֵיהּ הַהוּא עַרְבָאָה, זִיל בַּהֲדִי, וְאַרְאֶה לָךְ פְּלִיאָן טְמִירִין מִבֵּי נָשָׁא, זָאגְט אִים אַן אַרַאבֶער, קוּם מִיט מִיר, וֶועל אִיךְ דִיר וַוייזְן נָאךְ מֶער וואוּנְדֶערְלִיכֶע זַאכְן, אִיךְ וֶועל דִיר וַוייזְן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאכְן וָואס אִיז בַּאהַאלְטְן פוּן מֶענְטְשְׁן.

אֲזַל עִמֵּיהּ אֲחוֹרֵי טִינָרָא, וְחָמֵי בְּקִיעִין אָחֳרָנִין, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט אִים אוּנְטֶער אַ שְׁטֵיין, דָארְט הָאט עֶר גֶעזֶען אַנְדֶערֶע שְׁפַּאלְטֶענֶעס, וְשַׁלְהוֹבִין סָלִיקוּ לְעֵילָא, אוּן עֶס קוּמֶען אַרוֹיס פְלַאמֶען, שְׁמָעוּ קָלִין אָחֳרָנִין, אוּן מֶען הֶערְט דָארְט אוֹיךְ גֶעשְׁרֵייעֶן, אָמַר לֵיהּ אַרְכִּין אוּדְנָךְ הָכָא, הָאט דֶער אַרַאבֶער גֶעזָאגְט צוּם צַדִיק רֶבִּי זְמִירָאָה, בֵּייג צוּ דַיינֶע אוֹיעֶרְן, אַרְכִּין



אוּדְנוֹי, וּשְׁמַע קָלִין דְאָמְרִין וַוי וַוי, הָאט עֶר צוּגֶעבּוֹיגְן זַיינֶע אוֹיעֶרְן אוּן גֶעהֶערְט וִוי מֶען שְׁרֵייט: ״וֵויי! וֵויי!״

אֲמַר, וַדַּאי הָא אֲתַר חַד מֵאִינוּן דוּכְתֵּי דְּגֵיהִנֹּם הָכָא, זָאגְט דֶער צַדִּיק, אִיךְ זֶע אַז דָא אִיז דֶער גֵיהִנוֹם, וַעֲבַר הַהוּא עֲרָבָאָה, וְאִשְׁתָּאַר הוּא, דֶער אַרַאבֶּער אִיז אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען אוּן רֶבִּי זְמִירָאָה אִיז דָארְט גֶעבְּלִיבְּן.

אַדְהָכֵי, גָּחִין גּוֹ דוּכְתָּא אָחֳרָא, אִינְצְוִוישְׁן הָאט עֶר זִיךְ צוּגֶעבּוֹיגְן צוּ אַן אַנְדֶערֶע פְּלַאץ, וְחָמָא חַד בַּר נָשׁ דַּהֲוָה רָמֵי קָלִין, אוּן גֶעזֶען וִוי אֵיינֶער שְׁרֵייט קוֹלוֹת, וַהֲווּ נָטְלִין לֵיהּ וְאָעֲלִין לֵיהּ לְעוּמְקָא דִמְדוֹרָא אַחֲרִינָא, אוּן מֶען נֶעמְט אִים אוּן מֶען לֵייגְט אִים אִין אַן אַנְדֶערֶע פְּלַאץ, וְאִתְכַּסָּאִי, וְלָא חָמֵי יַתִּיר, אוּן עֶר הָאט אִים מֶער נִישְׁט גֶעזֶען.

## דֶער רָשָׁע קוּמְט אִין חָלוֹם

אַהְמִיךְ, רֶבִּי זְמִירָאָה אִיז אַיינְגֶעשְׁלָאפְן, וְחָמָא בְּחֶלְמָא הַהוּא גַּבְרָא, אוּן עֶר חָלוֹמְ׳ט זִיךְ וִוי עֶר זֶעט דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס הָאט גֶעשְׁרִיגְן, אָמַר לֵיהּ מַאן אַתְּ, עֶר פְרֶעגְט אִים, וֶוער בִּיסְטוּ? אָמַר לֵיהּ יוּדָאִי חַיָּיבָא אֲנָא, דְּלָא שְׁבַקְנָא בִּישִׁין וְחֶטְאִין בְּעַלְמָא דְלָא עֲבַדְנָא, זָאגְט עֶר, אִיךְ בִּין אַ רָשָׁע, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט קַיין אֵיין עֲבֵירָה וָואס אִיךְ זָאל נִישְׁט הָאבְּן גֶעטוּן, אָמַר לֵיהּ בְּגוֹ חֶלְמָא, מַה שְּׁמָךְ, פְרֶעגְט אִים רֶבִּי זְמִירָאָה, וָואס אִיז דַיין נָאמֶען? אָמַר לֵיהּ, לָא יַדַעְנָא, זָאגְט עֶר אִים, אִיךְ וֵייס נִישְׁט מַיין נָאמֶען, דְחַיָּיבֵי גֵיהִנֹּם לָא דָכְרִין שְׁמַיְיהוּ, וַוייל דִי רְשָׁעִים וָואס זֶענֶען אִין גֵיהִנוֹם וֵוייסְן נִישְׁט זֵייעֶרֶע נֶעמֶען, מֶען פַארְגֶעסְט דִי נָאמֶען, אָמַר לֵיהּ, שְׁמָא דְדוּכְתָּךְ מַהוּ, פְרֶעגְט עֶר אִים פוּן וַואנֶעט קוּמְסְטוּ? אָמַר לֵיהּ, בְּגְלִילָא עִילָּאָה קַצָּבָא הֲוֵינָא, זָאגְט עֶר אִיךְ קוּם פוּן גָּלִיל הָעֶלְיוֹן, אִיךְ הָאבּ פַארְקוֹיפְט פְלֵייש, וּמִגּוֹ בִּישִׁין סַגִּיאִין דַּעֲבַדְנָא הָתָם, דָּיְינִין לְהַהוּא בַּר נָשׁ תְּלָתָא זִמְנִין בִּימָמָא וּתְלָתָא זִימְנִין בְּלֵילְיָא, אוּן וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן אַזוֹיפִיל עֲבֵירוֹת, שְׁטְרָאפְט מֶען מִיר דְרֵיי מָאל בַּייטָאג אוּן דְרֵיי מָאל בַּיינַאכְט, אָמַר לֵיהּ, וּבְרָא שְׁבַקְתָּ, פְרֶעגְט



אִים רֶבִּי זְמִירָאָה, הָאסְט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט אַ קִינְד? אָמַר לֵיהּ, אֵין, זָאגְט עֶר יָא.

## דֶער צַדִיק ווִיל אִים מְתַקֵן זַיין

קָם מִתַּמָּן, וַאֲזַל לֵיהּ לְגְלִילָא עִילָאָה, אִיז דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק אַהִין גֶעגַאנְגֶען, שְׁמַע קוֹל יְנוּקָא דְּהֲוָה אֲמַר (מִשְׁלֵי ב, ד): 'אִם תְּבַקְשֶׁנָּה כַכָּסֶף וְכַמַּטְמֹנִים תַּחְפְּשֶׂנָּה אָז תָּבִין יִרְאַת ה'', אוֹיפְ'ן וֶועג הֶערְט עֶר אַ קִינְד לֶערְנְט דֶעם פָּסוּק, וֶוען דוּ וֶועסְט עֶס זוּכְן אַזוֹי ווִי מֶען זוּכְט זִילְבֶּער אוּן אַזוֹי ווִי מֶען זוּכְט בַּאהַאלְטֶענֶע אוֹצְרוֹת - דֶעמָאלְט וֶועסְטוּ צוּקוּמֶען צוּ מוֹרָא הָאבְּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲזַל לְבֵי מִדְרְשָׁא אָחֲרָא, אִיז עֶר אַרַיין אִין אַן אַנְדֶערֶע שׁוּל, שְׁמַע קוֹל יְנוּקָא אָחֲרָא דְּהֲוָה אֲמַר (צְפַנְיָה ב, ג): 'בַּקְשׁוּ צֶדֶק בַּקְשׁוּ עֲנָוָה אוּלַי תִּסָּתְרוּ וְגוֹ'', הֶערְט עֶר ווִי אַ קִינְד לֶערְנְט דֶעם פָּסוּק, זוּכְט גֶערֶעכְטִיגְקֵייט, זוּכְט עֲנָוָה וְגוֹ'.

אֲזַל וְחִפֵּשׂ אֲבַתְרֵיהּ דְּהַהוּא גַבְרָא רָשָׁע, אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען זוּכְן דֶעם פְּלַאץ וואוּ דֶער רָשָׁע הָאט גֶעווּאוֹינְט, וּלְחַד יְנוּקָא קָא שָׁאִיל, וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען פְרֶעגְט עֶר אַ קִינְד, דוּ וֵוייסְט עֶפֶּעס פוּן דֶעם רָשָׁע צוּ זָאגְן? אָמַר לֵיהּ, רַבִּי,תֵּיתֵי כָּךְ וְכָךְ לְהַהוּא גַבְרָא, דְּלָא שְׁבַק בִּישִׁין וְחֶטְאִין בְּעַלְמָא דְלָא עֲבַד. כָּךְ וְכָךְ תְּהֵא לְהַהוּא גַבְרָא רָשָׁע, וּלְהַהוּא מֵנִיקְתָּה דְּיַנִּיקָא לֵיהּ, זָאגְט דֶער קִינְד, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל שְׁטְרָאפְן דֶעם רָשָׁע אוּן אוֹיךְ דִי פְּרוֹי וָואס הָאט אִים גֶעזֵייגְט, אוֹיף זַיינֶע עֲבֵירוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן;דֶער רָשָׁע הָאט נִישְׁט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט קַיין אֵיין עֲבֵירָה וָואס עֶר זָאל נִישְׁט הָאבְּן עוֹבֵר גֶעוֶוען.

אֲמַר לֵיהּ, בְּרָא שְׁבַק בְּעַלְמָא, פְרֶעגְט רֶבִּי זְמִירָאָה, דֶער רָשָׁע הָאט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט אַ קִינְד דָא אוֹיף דִי וֶועלְט?
אָמַר לֵיהּ הֵן, חַד בְּרָא שָׁבֵיק, וְהוּא רָשָׁע כַּאֲבוּהָ, וְאִיהוּ יְנוּקָא דְּאָזֵיל בְּבֵי



מִטְבָּחַיָא, עֶנְטְפֶערְט עֶר, יָא, עֶר הָאט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט אַ קִינְד וָואס אִיז אוֹיךְ אַ רָשָׁע אַזוֹי וִוי זַיין טַאטֶע.

## דֶער צַדִיק טְרֶעפְט דֶעם קִינְד

חִפֵּשׂ אֲבַתְרֵיהּ, אִיז עֶר אִים גֶעגַאנְגֶען זוּכְן, וּנְטֵיל לֵיהּ וְלָעֵי לֵיהּ בְּאוֹרַיְיתָא, עֶר הָאט אִים גֶענוּמֶען אוּן גֶעלֶערְנְט מִיט אִים תּוֹרָה, עַד דְּאוֹלֵיף לֵיהּ מִקְרָא וּצְלוֹתָא וּקְרִיאַת שְׁמַע, בִּיז עֶר הָאט אִים אוֹיסְגֶעלֶערְנְט מִקְרָא, וִוי אַזוֹי מֶען דַאוֶונְט אוּן וִוי אַזוֹי מֶען לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע, לְבָתַר אוֹלֵיף לֵיהּ מִשְׁנָה וְתַלְמוּד וַהֲלָכוֹת וְהַגָּדוֹת, נָאכְדֶעם הָאט עֶר אִים גֶעלֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת אוּן גְּמָרָא, הֲלָכוֹת וְאַגָּדוֹת, עַד דְּאִתְחַכַּם יַתִּיר, וְהַיְינוּ רַבִּי נַחוּם הַפָּקוֹלִי, בִּיז דֶער קִינְד אִיז גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, דֶער צַדִיק רֶבִּי נַחוּם הַפָּקוֹלִי.

אַמַּאי קָרוֹ לֵיהּ הַפָּקוֹלִי, פַארְוָואס רוּפְט מֶען אִים מִיט דֶעם נָאמֶען פָּקוֹלִי? כְּמָה דְאַתְּ אָמֵר (יְשַׁעְיָה כח, ז): 'פָּקוּ פְּלִילִיָּה', אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט פָּקוּ פְּלִילִיָּה, דְּאַפֵּיק לַאֲבוּהָ מִן דִּינָא דְּהַהוּא עָלְמָא, וַוייל עֶר הָאט אַרוֹיסְגֶעצוֹיגְן זַיין טַאטֶע פוּן דִי שְׁוֶוערֶע עוֹנְשִׁים, וְכַמָּה חַכִּימֵי דָרָא דְּנָפְקוּ מִינֵּיהּ, אִקְרוּן פָּקוֹלִי, אוּן אַסַאךְ צַדִיקִים זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען פוּן אִים, אוּן מֶען רוּפְט זֵיי פָּקוֹלִי.

## דִי נְשָׁמָה אִיז מְתוּקָן גֶעוָוארְן

הַהוּא גַּבְרָא אָתֵי לֵיהּ בְּחֶלְמָא, דֶער רָשָׁע אִיז גֶעקוּמֶען אִין חָלוֹם צוּ רֶבִּי זְמִירָאָה, וַאֲמַר לֵיהּ, רַבִּי, כְּמָה דְאַנְתְּ נַחֵמְתְּ לִי, כֵּן יְנַחֵם הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אוֹתְךָ, אוּן אִים גֶעוִוינְטְשְׁן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיךְ טְרֵייסְטְן אַזוֹי וִוי דוּ הָאסְט מִיךְ גֶעטְרֵייסְט, דְּהָא מִן יוֹמָא דְּיָדַע בְּנִי פָּסוּק חַד, פָּקוּ לִי מִן דִּינָא, וַוייל פוּן דֶעם טָאג וָואס מַיין זוּן הָאט גֶעלֶערְנְט אֵיין פָּסוּק הָאט מֶען מִיךְ אוֹיפְגֶעהֶערְט פַּייניגְן מִיט דִי שְׁוֶוערֶע פַּיין, כֵּיוָן דְּקָרָא קְרִיאַת שְׁמַע, סָלְקִין דִּינָאֵי בֵּין בִּימָמָא בֵּין בְּלֵילְיָא זִימְנָא חַד, אוּן פוּן וֶוען



עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע אִיז מֶען מִיר מֶער נִישְׁט דַן נָאר אֵיין מָאל אַ טָאג, כֵּיוָן דְקָרֵי בֵּיהּ רַב, אַעֲבָרוּ דִינָאִי מִכֹּל וָכֹל, אוּן פוּן וֶוען עֶר גֵייט אִין חֵדֶר לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה - הָאט מֶען מִיר אִינְגַאנְצְן אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ שְׁטְרָאפְן.

**דִי נְשָׁמָה דֶערְצֵיילְט וִוי חָשׁוּב אִיז אִין הִימְל אַ פָּסוּק תּוֹרָה**

יוֹמָא דְאִתְחַכִּים וְקָרוֹ לֵיהּ רַבִּי, אַתְקִינוּ כּוּרְסִי בֵּין צַדִיקַיָיא בְּגִינְתָא דְעֵדֶן, דֶעם טָאג וָואס מַיין זוּן אִיז גֶעוָוארְן אַ רֶבִּי הָאט מֶען מִיר גֶעשְׁטֶעלְט אַ שְׁטִיל אִין גַן עֵדֶן צְוִוישְׁן דִי צַדִיקִים, וּבְכָל יוֹמָא וְיוֹמָא דְאִתְחַדְשָׁא אוֹרַיְיתָא בִּשְׁמֵיהּ, מְעַטְרִין לִי בְּעִיטְרָא עִילָאָה, דְצַדִיקִים מִתְעַטְרִין, אוּן וֶוען מַיין זוּן אִיז מְחַדֵשׁ חִידוּשֵׁי תּוֹרָה טוּט מֶען מִיר אָן דִי שֵׁיינֶע קְרוֹינֶען וָואס מֶען טוּט אָן פַאר דִי צַדִיקִים אִין גַן עֵדֶן, בְּגִינָךְ זָכֵינָא בְּכָל הַאי יְקָר, צוּ דֶעם אַלֶעס הָאבּ אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען בִּזְכוּת דִיר.

פִּירְט אוֹיס דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר: זַכָּאָה אִיהוּ חוּלָקֵיהּ, מַאן דְשָׁבַק בְּרָא דְלָעֵי בַּתּוֹרָה בְּהַאי עָלְמָא, ווארויל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס לָאזְט אִיבֶּער קִינְדֶער אוֹיף דִי וֶועלְט וָואס לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אֲמַר רַבִּי חִיָיא בַּר אַבָּא, כְּהַאי גַוְונָא אֵירַע לֵיהּ לְרַבִּי עֲקִיבָא, הָאט רֶבִּי חִיָיא בַּר אַבָּא גֶעזָאגְט, אַזַא עֶנְלִיכֶע מַעֲשֶׂה אִיז גֶעוֶוען בַּיים הֵיילִיגְן תַּנָא רֶבִּי עֲקִיבָא.

**פוּן דֶעם שְׁטִיקְל זוֹהַר זֶעעֶן מִיר דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה אוּן לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע; דָאס רַאטֶעוֶועט פוּן אַלֶע עוֹנְשִׁים, פוּן אַלֶע גֵיהִנוֹם'ס אוּן מֶען אִיז זוֹכֶה אָנְצוּקוּמֶען אִין גַן עֵדֶן,**
**זִיצְן מִיט דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים**

